STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10321

AZOY HOT ES PASIRT

Dora Shulner

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָראַ שולנער

אַזוי האָט עס פּאַסירט

1922—1905

אַרויסגעגעבן פון דער:

ראַדאָמישלער ליידיס אוקזילערי . . . שיקאַגאָ

דאָרא שולנער

"This Is How It Happened" by Dora Shulner.
Published by the Radomishler Ladies Auxiliary,
Chicago, Illinois . . . 1942

Copyright, 1942, by
DORA SHULNER
1051 Montrose Avenue, Chicago, Illinois

GLOBUS PRINTING CORPORATION
1939 West North Avenue - Chicago, Illinois
566

יעדן איינעם איז ליב און טייער זיין געבוירנשטאָט, איבערהויפּט ווען ער האָט דאָרטן אַסך איבערגעלעבט און געבראַכט אַ נייעם דור אויף דער וועלט; מיין געבוירנשטאָט, ראַדעמישלע, איז מיר ליב און טייער דערפאַר, ווייל דאָרטן האָבן געלעבט און אויך געשטאָרבן מיינע עלטערן און מיין גאַנצע משפחה. אין מיין זכרון לעבט נאָך די גרויסע שול און די קלענערע בתי מדרשים — פרייטיקצונאַכטס, ווען מען האָט מקבל שבת געווען, איז אפילו די גאַס געוואָרן שבתדיק — אין אַ שול בין איך אויפגעוואָקסן און איך בין פאַרוואָרצלט געוואָרן מיט אַלע געוואוינהייטן; מיר איז ביז היינטיקן טאָג ליב צו הערן אידישע נגינה, חזנים און פאָלקס־מאָטיוון — מיר איז בכלל ליב דאָס גאַנצע אידישע לעבן. די ליטעראַטור איז מיר געוואָרן טייער נאָך אַלס קינד, דאָס איז מיין טאַטנס ירושה — מיין טאַטע, מאָטל פעלדמאַן, האָט פאַרמאָגט אַ פיינע ביבליאָטעק, ער אַליין האָט זיך אין יענע יאָרן איבערגעשריבן מיט אליעזר צווייפל, דעם באַוואוסטן אידישן משכיל און אַנדערע גרויסע שריפטשטעלער. מיין פאָטער האָט אין מיר פאַרפלאַנצט אַ גרויסע ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור און נאָך זיין טויט, ווען איך בין שוין געווען אין „בונד", לייען איך שטילערהייד פּרצן, מענדעלען, ליִנעצקין, שלום עליכמען און אַנדערע. שלום עליכמען האָט מיין פאָטער געקענט פּערזענלעך און געלייענט דעמאָלט זיינע קליינע אויסגאַבעס. מיין פאָטער האָט מיך ליבער געהאַט פון אַלע קינדער דערפאַר, וואָס איך האָב ליב געהאַט אַלץ צו וויסן און וועגן אַלץ זיך דערפרעגן. מיין טאַטנס וואַנדערונגען האָבן אים געגעבן וועלטלעכקייט. און כאָטש ער איז געווען אַ מלמד און געדאַוונט פאַרן עמוד, האָבן די פרומע אידן געצווייפלט אין זיין פרומקייט. דערפאַר האָבן זיי אָבער געוואוסט, אַז זייערע קינדער דאַרפן דורכגיין מאָטל דעם מלמדס חדר, דעמאָלט זיינען זיי געווען זיכער, אַז זיי וועלן אין גאָרניט בלייבן הינטערשטעליק. מיין טאַטנס בייעמעטאָדן צו לערנען קינדער האָט ער אַליין פאַרפאַסט, און ערשט אַצינד זע איך איין וויפל וועלטלעכקייט ער האָט אַריינגעטראָגן אין דעם אידישן לעבן; אַסך תלמידים פון מיין טאַטנס חדר געפינען זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און דערמאָנען זיין נאָמען מיט גרויס דרך ארץ.

ד אָ ר א   ש ו ל נ ע ר.

איך בין געבוירן געוואָרן אין ראַדעמישלע, אַ קליין שטעטל אין דער אוקריינע, באַ זייער אָרימע עלטערן. און געוועזן בין איך די קלענסטע פון זיבן קינדער, וואָס זיינען ביי זיי געבליבן.

מיין פאָטער, מאָטל פעלדמאַן, איז געוועזן פון די אַמאָליקע משכילים, מיט אַ שטאַרקן חשק צו ענדערן די וועלט דורך ביידע וועגן פון בילדונג און וויסן. זיינע עלטערן, דער זיידע מאיר לייזער דער חזן, ווי מ׳האָט אים גערופן, און די באָבע חיה האָבן מיט אים שטאָלצירט, ווי זיי האָבן בכלל שטאָלצירט מיט אַלע זייערע קינדער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט: די טעכטער זיינען געוועזן גרויסע שיינהייטן און די זין, גרויסע משכילים. געלעבט האָבן זיי אין גרויס דחקות. פון דעם זיידנס חזנות און מצבה־קריצעריי איז קוים געוועזן אַ טרוקן שטיקל ברויט אין הויז. ווען איך בין געקומען אויף דער וועלט, זיינען מיין טאַטנס עלטערן שוין ניט געוועזן צווישן די לעבעדיקע, און די גאַנצע משפחה איז געוועזן וויט און פרעמד פון אונדז. מיין מאַמע האָט ניט זייער שטאַרק געהאַלטן פון דעם טאַטנס משפחה, דערפאַר האָט אויך אין מיין לעבן יענע משפחה קיין וויכטיקן פלאַץ ניט פאַרנומען.

מיין מאַמע, רבקה די קליינע, ווי מ׳האָט זי גערופן, איז געוועזן אַ זעלטענע פרוי. זי איז געוועזן פאָלקסטימלעך און זייער אַ שיינע דערציילערן. פון אירע דערציילונגען געדענק איך, פון דער צייט וואָס איך בין געקומען צו מיין שכל, וועגן איר אומגליקלעכן לעבן. צו פופצן יאָר האָט מיין מאַמע חתונה געהאַט מיט זייער אַ וואוילן און שיינעם בחור. לאַנג האָט זי מיט אים ניט געלעבט, ווייל פיר חדשים נאָך דער חתונה איז ער געשטאָרבן און איבערגעלאָזט זי אין מוטערלעכע אומשטענדן. נאָכדעם ווי זי גיט געבורט, האָט איר פאָטער, באַ וועמען זי איז געוועזן אַ בת יחידה, צוגעשריבן דאָס קינד, אַ אינגעלע, צו זיך. ער מאַכט זי חתונה צום צווייטן מאָל מיט אַ בחור אין אירע יאָרן, דאָס הייסט מיט מיין פאָטער. דער צווייטער שידוך איז איר ניט געוועזן צום

האַרצן. זי מאַכט אָבער שלום מיט איר גורל און אַזוי לעבט זי אָפּ מיט אים פינף און דרייסיק יאָר. זייער לעבן, ווי אַ סך אַנדערע לעבנס אין יענער צייט, איז אַ לאַנגע קייט פון צרות, דחקות און נויט; דער טאַטע, פונקט ווי דער זיידע, נעמט זיך צו מלמדות און חזנות, און אַזוי ווי ער האָט שטענדיק גע־טראַכט אַז זיין באַרוף אין לעבן איז אַ העכערער, פלעגט ער אָפּט אויסוואַנדערן און פאַרשיידענע שטעט. אַזוי האָט פּאַסירט, אַז פּונקט אין דער וואָך ווען איך דאַרף געבוירן ווערן, נעמט דער טאַטע זיין טלית און תפילין און לאָזט זיך אין וועג אַריין.

די מאַמע, נאָכדעם ווי זי האָט מיך געבוירן, צו איר צוויי און פערציקסטן יאָר, נעמט זיך ווידער צום יאָך פון דער פּרנסה. זי באַקט לעקעך און טראָגט אים אויפן מאַרק, כדי צו קענען דער־נערן אירע קינדער.

מיין שוועסטער פרומע איז די באַלעבאָסטע אין הויז. זי ניאַנטשעט מיך און ווינטשט זיך און מיר טויזנט מאָל אין טאָג דעם טויט. קומענדיק פון מאַרק שפּעט אינאָוונט, אַ פאַרהאָרע־וועטע, פלעגט די מאַמע טרעפן דאָס קליינע עופהלע פאַרשמאַכט און פאַרפּייניקט; ביז איינמאָל האָט מען שוין געהאַט אויפגע־געבן מיין לעבן.

אין אַ צייט אַרום האָט די מאַמע דערהאַלטן אַ ידיעה פונם טאַטן, אַז ער איז אין בעסאַראַביע, אין אַ קליין שטעטעלע. ער וויל זיך דאָרטן באַזעצן און ער פאָדערט אַז די מאַמע זאָל אַרויסקומען מיט די קינדער. די מאַמע פאַרפאַקט דאַן דאָס ביסל אָרימקייט און לאָזט זיך וואַנדערן מיט די קינדער צום טאַטן, דעם מלמד, קיין בעסאַראַביע. די וואַנדערונגען און דער שווע־רער עול פון פּרנסה, וואָס די מאַמע האָט אומעטום און אין אַלע צייטן געדאַרפט טראָגן אויף אירע פּלייצעס, האָבן איבערגעלאָזן טיפע סמנים אויף איר פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד; פון די וואַנדערונגען איז באַ מיר אין זכרון פאַרבליבן דאָס קליינע שטע־טעלע באַראמצי, אין בעסאַראַביע, וואו מ׳פלעגט עסן מאַמעליגע און וויינטרויבן, און אַ שטעטעלע מאלין, קיעווער גובערניע, וואו עס איז געווען אַ גרויסע פאַבריק און מיין שוועסטער רחל האָט דאָרטן געאַרבעט.

אויף מיין צענטן יאָר געפינען מיר זיך צוריק אין מיין געבוירנשטאָט, ראַדעמישלע, וואו מיר האָבן זיך באַזעצט אויף שטענדיק. די עלטערע קינדער זיינען שוין פאַר־היירעט. געבליבן אין הויז זיינען בלויז די דריי קלענערע קינדער, דער ברודער מאיר לייזער, מיין שוועסטער רחל און איך. קיין ענדערונג אין אונדזער לעבן איז אָבער ניט געווען; מיר וואוי־נען אינם שטיבל פון דער שול, פאַר מיין טאַטנס דאַווענען פאַרן עמוד, און ער לערנט אויך מיט די קינדער אין דער ווייבערישער שול; די מאַמע טראָגט נאָך אַלץ דעם יאָך פון פרנסה — טאָג איין, טאָג אויס טראָגט זי זיך מיטן לעקעך אויפן מאַרק. איר פנים איז צעאַקערט פון שווערע יאָרן און טראַכטענישן וועגן דעם תכלית פון אירע קינדער. מיין ברודער מאיר לייזער איז שוין אויף דער לערע באַ אַ סטאָליער און מיך וויל די מאַמע אָפּגעבן צו אַ שניידער; מלאכה, זאָגט זי, איז די בעסטע ברכה.

אויף דער לערע באַ אַ שניידער

ס׳איז אַ האַרבסטיקער פרימאָרגן. מיין מאַמע וועקט מיך אויף און הייסט זיך מיר אָנטאָן אויף שנעל, ווייל הייַנט וויל זי מיך אַוועקפירן צו עליע נאָז — אַזוי האָט מען גערופן דעם שניידער, וועלכער זאָל מיך לערנען די מלאכה. און איידער איך קוק זיך אַרום, געפין איך זיך שוין מיט דער מאַמען אינדרויסן.

דעם גאַנצן וועג האַלט מיך די מאַמע אין איין לערנען, ווי אַזוי איך זאָל זיך אויפפירן באַם שניידער; ערשטנס זאָלסטו פאָלגן, זאָלסט אַלעמען פאָלגן, מיין קינד, וועט מען דיך ליב האָבן! די מאַמע רעדט און איך שוויג; איך טראַכט בשעת מעשה פון מיין שוועסטער פרומע, וואָס וואוינט באַ עליע נאָז אין דער דירה. איך טראַכט, אַז זי איז אַוודאַי שולדיק אין דעם, וואָס די מאַמע פירט מיך אַצינד צו אים פאַר אַ לערן־מיידל.

עליע נאָז, וואָס פאָנפעט שטאַרק ווען ער רעדט, וואוינט אין אַ שטוב פון פיר קליינע צימערלעך מיט אַ פאָרהייזל. איין צימער איז געווען פאַרדונגען צו מיין שוועסטער פרומע, וואָס וואוינט דאָרטן מיט איר מאַן און צוויי קינדערלעך. אין אַ צווייטן צימער וואוינט עליע נאָז׳ס טאָכטער, וועמענס מאַן אַרבעט אין קיעוו, אויך מיט צוויי קינדערלעך. די אַנדערע צוויי צימערן, וועלכע דינען פאַר שלאָפצימער, עסצימער און מייסטערסקייע, באַוואוינט עליע נאָז מיט זיין פאַמיליע, וואָס באַשטייט פון פיר נפשות. און אין צוגאָב האָט די עליעכע זיך באַשעפטיקט מיט באַקן קיכלעך פאַר דעם בופעט, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פאָדער־הייזל, וואָס איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אונטער דעם נאָמען עליע־כעס בופעט. פרייטיק־צו־נאַכטס האָט דאָרטן געשווייבלט און גע־גריבלט. אַלע שניידער־מיידלעך און בחורים פלעגן זיך דאָרטן צונויפקומען, טרינקען סעלצער וואַסער און קנאַקן קערלעך. ווען

מיר זיינען אַריינגעקומען אין הויז, איז נאָך געווען גאַנץ פרי. באַ עליע נאָז איז שוין אָבער געשטאַנען גרייט דער אָנבייסן אויפן טיש; עליע איז געווען דער קעניג פון הויז — זיין עסן און טריג־קען האָט געמוזט זיין אין צייט!

איך באַטראַכט די גרויסע שטוב: אויף איין זייט איז דער וואַרשטאַט מיט דער מאַשין. אויף דער צווייטער זייט זיצט לאה, עליע נאָז׳ס טאָכטער, אַ בלאַסע פרוי, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין איר. זי נייט אירע העמדער און אַרום איר מאַשין וואַלגערן זיך קינדערשע שפּילצייג.

די עליכעס, אַ הויכע, דאַרע אידענע מיט אַ גרויסער בראָ־דיעווקע אויף איין זייט פּנים, איז געשטאַנען אַ צעשוויצטע באַם הויוון און געבאַקן אייער־קיכלעך; אירע אייער־קיכלעך האָט קיי־נער אין שטאָט ניט געקענט נאָכמאַכן!

אַלע אין הויז דרייען זיך אַרום אויף די שפּיץ פינגער — עליע נאָז עסט אַצינד מיט גרויס אַפּעטיט זיין אָנבייסן. מיין מאַמע שטעלט מיך פאַר פאַרן שניידער, זי הויבט גלייך אָן דערציילן מיינע מעלות. ווי איר זעט, ר׳ עליע, איז מיין דבורהלע ערשט אויפן עלפטן יאָר און איז שוין מיט אַ קאָפּ העכער פון איר מאַמען, זי איז זייער אַ „פּאַסלושנע" קינד, זי וועט אַלצדינג פאָלגן. איך בעט אייך, ר׳ עליע, נעמט צו מיין קינד צו אייך און זאָל זי זיך אויסלערנען די מלאכה; מיר איז שוין נמאס געוואָרן צו לעבן פון ווינט, זאָל כאָטש מיין קינד דערפון ניט וויסן! מיין גאַנץ לעבן מוטשע איך זיך אויפן טויט, מיט מיין מאַן, וואָס קען ניט געבן זיינע קינדער קיין ברויט פון זיין מלמדות און חזנות. אַז עליע נאָז האָט אפילו ניט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, ווייל ער האָט ניט ליב מפסיק זיין די אכילה, האָט זיך די מאַמע דער־וויל, שטילערהייד, אַריינגעכאַפּט צו מיין שוועסטער פרומע אין צימער. איך בין געבליבן שטיין און באַטראַכט דערווייל דעם חורבן, וואָס קוקט דאַ אַרויס פון יעדן ווינקעלע. אין אַט אַ דעם חורבן וויל דוקא די מאַמע מיינע, אַז איך זאָל אָנהויבן פינצטערן מיינע טעג!

עליע נאָז איז שוין פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אָנבייסן און באַקומט לשון. מיט אַ פאַרטעמפּט קול קאָמאַנדעוועט ער, אַז די עליעכע זאָל גלייך צונעמען פון טיש. ער אַליין רוקט אַרונ־טער די שפּאַקולען, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געזעסן אויף זיין גערונצלטן שטערן, ער כאַפּט די שער און פאַנגט אָן שניידן דאָס אָנגעצייכנטע געוואַנט, וואָס ליגט אויסגעצויגן אויפן וואַרשטאַט.

די מאַמע דערהערט אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן רודערן אין הויז, קומט זי אַרויס פון פרומעס צימער און הויבט אָן אויפסניי רעדן צו עליע נאָז. נאָכאַמאָל דערציילט זי אים וועגן מיינע מעלות, ספּעציעל אַז איך בין אַ „פּאַסלושנע" קינד. זי חזרט אויך איבער וועגן איר פּינצטער לעבן מיט אַ מאַן, אַ מלמד און אַ חזן, וואָס פאַרדינט ביט געגוג צו דערנערן זיינע קינדער. זי בעט נאָכ־אַמאָל אַז ער, ר׳ עליע דער שניידער, זאָל זיך אויף איר מרחם זיין און צונעמען איר קינד צו זיך און אויסלערנען איר די מלאכה. איך וועל אייך אָפּגעבן מיין מיידעלע אויף צוויי יאָר, אָן אַ פּרוטה געלט, אינגאַנצן אומזיסט, רעדט צו אים די מאַמע מיט אַ בעטנ־דיקן קול, אַבי איר זאָלט זי אויסלערנען די מלאכה. עליע דער שניידער בלייבט שטיין אינמיטן שניידן דאָס אָנגעצייכנטע גע־וואַנט, קוקט מיך אָן אַריבער די שפּאַקולן. און איך דערפיל שוין אין זיין קוקעלע, אַז ער קוקט אויף מיר אַנדערש ווי אַלעמאָל — אַצינד דאַרף איך דאָך ווערן זיין לערן־מיידל! באַקוקט ער מיך נאָכאַמאָל און ענטפערט דער מאַמען מיט זיין פאַרטעמפּטן פאַנ־פעוואַטן קול: נו, גוט, איך וועל שוין דיין מיידעלע צונעמען. דו וועסט מיר אָבער אָנשרייבן אַ קאָנטראַקט אויף צוויי יאָר. אַז זי וועט שוין קענען די מלאכה און אַז זי וועט וועלן אַרבעטן בא מיר, וועל איך איר דאַן צאָלן צען רובל אַ יאָר.

מיין מאַמעס פּנים האָט אויפגעשטראַלט פון פרייד, וואָס ענדליך האָט זיך איר איינגעגעבן דער פּלאַן, אַז פון מיר זאָל ווערן אַ שניידערקע. זי לאָזט מיך איבער בא עליע נאָז מיט דעם צוזאָג, אַז זי וועט אינגיכן קומען און וועט צושטעלן דעם קאָנטראַקט.

אַז מיין מאַמע איז אַוועק, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט, אַז איך בין אין דער פרעמד, כאָטש די הויז איז מיר געווען אַזוי גוט באַקאַנט.

עליע נאָז הייסט מיר דערווייל אַרויסנעמען זיינע אייניקלעך אינדרויסן. זיינע אייניקלעך, יאַנקעלע און רייזעלע, זיינען גראָדע וואוילע קינדער און איך האָב ליב צו שפּילן זיך מיט זיי. מיין שוועסטער פרומע ווערט אָבער אַ צעכעסטע הערפון. איר האָט פאַרדראָסן הלמאי איך דאַרף זיך אַ ניאַנקע, און אַז שוין זיין אַ ניאַנקע, טענהט זי, זיינען דאָך אירע קינדער בילכער; און זי פירט טאַקע אַרויס אירע צוויי ייִנגעלעך, ישראליקל און מאירל, אַז איך זאָל זיך מיט זיי אויך שפּילן! עליען געפעלט ניט מיין שוועסטערס האַנדלונג און ער פּאַנפּעט אַרויס: „איר קענט זיך האַלטן מיט דער מציאה, קיין קאָנטראַקט האָב איך נאָך סיווי ניט אונטערגעשריבן!”

שיינדל ליפּ, עליעס אינגערע טאָכטער, קומט אויך אַרויס. זי שטעלט זיך אַוועק און בייסט אַזוי קונציק אין מויל אַריין איר איבערגעוואַקסענע ליפּ, וואָס איז באַזעצט מיט בלויע בראָדיעווקעס. עס קומט אויך צולויפן די עליעכע מיט אירע קולות. בלייב איך שטיין אַ צעטומלטע און איך טראַכט זיך בשעת מעשה, אַז לאַנג וועל איך שוין דאָ סיווי ניט פאַרבלייבן.

אויף מאָרגן איז מיין מאַמע געקומען מיטן קאָנטראַקט. איך דערצייל דער מאַמען וועגן אַלץ וואָס דאָ איז נעכטן פאָרגעקומען און אַז איך בין שוין גרייט צו פאַרלאָזן. וואָס איז! בייזערט זיך אויף מיר די מאַמע, ערגעץ אַנדערש וועט דיר בעסער זיין? דו דאַרפסט זיך צוגעוואוינען, מיין קינד, דו דאַרפסט זיי אַלעמען פאָלגן און מיט דער צייט וועסטו אַלץ קענען און דיר וועט גוט זיין. זי ווענדט זיך צו עליען, וואָס שטייט אַציגד באַם וואַרשטאַט און שניידט די סחורה. זי בעט זיך בא אים, אַז ער זאָל קיין פאַראיבל נישט האָבן — זי איז דאָך נאָך אַזוי יונג, נישקשה, זי וועט זיך צו אַלץ צוגעוואוינען. זי גיט אים איבער דעם קאָנטראַקט און ער דערלאַנגט אים אַ שמיץ אַרויף אויף דער הרובע.

איידער מיין מאַמע פאַרלאָזט די הויז, בעט זי זיך באַ עליע נאָז: איך בעט אייך, ר׳ עליע, זעט אַז מייַן קינד זאָל האָבן אַ פּעולה, דער עיקר לערנט איר אויס די מלאכה.

איצט, אַז די מאַמע האָט פאַרלאָזט און עליע האָט שוין גע־האַט באַ זיך דעם קאָנטראַקט, האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען דער אמתער גהינום פאַר מיר. די עליעכע און אַלע איבעריקע אין הויז האָבן זיך כסדר געשאַפן מיט מיר, אַלץ האָב איך געדאַרפט טאָן — שפּילן זיך מיט די קינדער, אויסקערן די הויז, שיילן קאַרטאָפל, אָבער קיין פינגערהוט און נאָדל האָב איך אפילו אין די אויגן ניט אָנגעזען.

מיין שוועסטער פרומע קלייבט זיך אַרויס פון עליע נאָז און מיר איז געוואָרן נאָך ביטערער. אַלע האָבן זיך אַצינד נוקם גע־ווען אין מיר מיט דער גרעסטער אכזריותדיקייט; ניט איינמאָל האָב איך אויסגעווייקט די קישן מיט ביטערע טרערן אויף מיין פינצטערן מזל. איך וואָלט שוין געווען אַנטלאָפן פונדאַנען; וואָס טוט מען אָבער אַרויסצוקריגן דעם קאָנטראַקט וואָס די מאַמע האָט אונטערגעשריבן?

עס איז אַ שבת בייטאָג. די עליעכע און די ליפּ זייַנען באַ דער שכנה צוגאַסט. לאה מיט די קינדער זייַנען אַוועק שפּאַצירן. עליע נאָז, ווי זיין שטייגער איז, ליגט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע און זיין כראָפּען קלינגט אַזוי מאָדנע איבער דער זעל־טענער שטילקייט אין הויז. אין יענעם שבת, נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט אָפּגעפּינצטערט זעקס חדשים, האָט אין מיר אויפגעבליצט דער געדאַנק, אַז איצט איז די בעסטע געלעגנהייט זיך אָפּצוטראָגן פונדאַנען. איך האָב זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דער הרובע, געפונען דאָרטן דעם קאָנטראַקט, אויף שנעל אים אַרייַנגעפּאַקט צוזאַמען מיט מיינע קליידלעך און אַוועק מיטן קלי־מיקל צוריק צו דער מאַמען; און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין מאַמעס ערשטער פּרוּוו מיך צו מאַכן פאַר אַ שניידערקע.

באַ יונה דעם שניידער

קומענדיק אַהיים מיטן קאָנטראַקט פון עליע נאָז, אַ פריילעכע, האָב איך געמיינט, אַז איך בין שוין פריי צו שפילן זיך אַביסעלע אינדרויסן מיט די קינדער, ווארום נאָך אַלעמען בין איך דאָך געווען אַ קינד אויפן עלפטן יאָר, און ווי אַ קינד האָב איך געוואָלט זיין פריי און פריילעך; מיין מאַמע האָט אָבער געטענהט: ניין, מיין קינד, דו דאַרפסט ניט אַרומלויפן מיט די קינדער אויפן גאַס, דו מוזט זיך אויסלערנען אַן אַרבעט. איך וועל דיך אַצינד אַוועקפירן צו יונה דעם שניידער און באַ אים וועסטו זיך שוין יאָ האַלטן. מיין שוועסטער רחל לייגט נאָך צו אַ קנייטל. זי זאָגט: און באַ יונהן וועט זי זיך דען יאָ האַלטן? איר קאָפּ ליגט דאָך אין דר׳ערד! וואו האָט מען געזען, אַז אַ קינד פון צען יאָר זאָל זיין אַזאַ מזיק ווי זי? די מאַמע באַרואיקט מיין רחלען און זאָגט, אַז איך וועל איר דעם פנים ניט פאַרשוואַרצן, זי וועט זיך אויסלערנען די מלאכה און וועט זיין אַ פיינע און גוטע טאָכטער.

נאָכאַמאָל הייסט די מאַמע אַז איך זאָל זיך אָנטאָן אויף שנעל און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין. מיין מאַמע גייט און רעדט צו מיר דיזעלביקע רייד, ווי ווען זי איז מיט מיר געגאַנגען צו עליע נאָז. אַצינד גיט זי נאָך צו, אַז מיין טאַטע איז געווען באַם דאָקטאָר און אַז דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דער טאַטע טאָר שוין מער ניט לערנען מיט די קינדער, ווייל ער ליידט פון „אַזמאַ״ אַזוי שטאַרק; רחלען דאַרף מען חתונה מאַכן און קיין געלט איז ניטאָ. מיין רחל איז שוין דאַן געווען אַ כלה. מאיר איז באַם סטאָליער און אויך דאָרטן איז אים זייער שלעכט. דער איינציקער אויסקוק איז אויף חנאַן, דאָס מיינט זי מיין עלטערן ברודער דעם אַדוואָקאַט און זי באַמערקט, אַז אַ לעבעדיקן זאַק קען מען ניט

אָנשיטן; די מאַמע טענהט און טענהט צו מיר ווי צו איר גלייכן, זי דערציילט מיר אַלץ און איך הער. דאָס האַרץ טוט מיר ווי אויף מיין מאַמען, זי איז שוין אַן אַלטע פרוי און טראָגט אויף זיך אַזויפיל דאגות און צרות. און אַזוי ריידנדיק זיינען מיר אָנגעקומען צו יונה דעם שניידער.

יונה דער שניידער קען זייער גוט מיין מאַמען. ער באַגעגנט זי מיטן שיינעם גוט מאָרגן און אַן שום הקדמות זאָגט זי יונהן צוליב וואָס זי איז צו אים געקומען און וואָס זי פאַרלאַנגט פון אים אַצינד. נאָך אַ קורצן איבערריידן זיך, זאָגט מיר די מאַמע, אַז איך קען שוין פאַרבלייבן באַ יונהן אַן שום „אויסלאָזוויעס", ווייל יונה האַלט, אַז מ׳קען קיינעם ניט האַלטן מיט פאַפיר.

יונה דער שניידער איז אַ לעבעדיק אידעלע, אַ פריילעכס און זאָגט ווערטלעך. צו דער מאַמען איז ער זייער צוגעלאָזט, ווייל ביידע פראַווען זיי שטענדיק חתונות באַ די נגידים: מיין מאַמע באַקט און קאָכט און ער, יונה שניידער, נייט די חתונה־קליידער, זיי קענען זיך שוין יאָרן לאַנג. יונה גיט אַ טענצל און זאָגט צו דער מאַמען: ניט געזאָרגט, רבקה, אייער מוזינקע בלייבט שוין באַ מיר און איך וועל שוין זען, אַז זי זאָל זיך אויסלערנען די מלאכה.

די יונהכע קומט אַן פון מאַרק, ווען מיין מאַמע זאָגט שוין אַ גוטן טאָג. זיי באַגעגענען זיך אין טיר און די יונהכע הייבט אָן דערציילן איר פעקל צרות: אַז איר טאָכטער טויבע ליגט אויפן טויטן־בעט און איין גאָט אין הימל ווייסט נאָר צי זי וועט זיך אויסדרייען. מיין מאַמע דרייט זיך אָבער אַרויס פון איר, אָנזאָגנדיק מיר, אַז איך זאָל זיך נעמען אין קאָפּ אַריין די מלאכה.

איך בלייב איבער און הויב באַלד אָן צו באַטראַכטן די מייסטערסקייע. דאָ איז איינגאַנצן אַנדערש ווי באַ עליע נאָז. דאָ איז אַ שניידעריי גאָר אויף אַן אַנדער אופן: ערשטנס, איז דאָ אַ גרויסע און ליכטיקע הויז מיט פיר גרויסע פענסטער, וואָס קוקן אַרויס אויפן גאַס; צווייטנס, איז דאָ פאַראַן אַרבעטער, וואָס זיי־

נען באַשטאַנען פון דריי בחורים און צוויי מיידלעך — דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט זינגען אַרבעטער־לידער. איין מיידל האָט געהייסן גאָלדע און די צווייטע האָט געהייסן רייזל. ביידע זיינען געווען זייער שיינע. רייזל איז געווען אַ שוסטערס אַ טאָכטער. איך געדענקט איר טאַטן זייער גוט, ער איז געווען אַ שוסטער און אַ שדכן און פון ביידע מלאכות איז ער געווען אַ גרויסע קבצן. רייזעלע, אַזוי האָט מען זי גערופן, איז געווען שיין ווי אַ פּרינצעסין, אָנגעטאָן אין די שענסטע קליידער, ווייל זי האָט זיך אַליין גענייט. גאָלדע איז געווען קרובים מיט רייזלען און זיי פלעגן כסדר זיין צוזאַמען און תמיד פאַרבייגיין אונדזער הויז. די בחורים זיינען געווען: ביינוש, אַרל כאָרעץ און מושקע. זיי זיינען אַלע געווען פריילעכע און צו מיר זייער גוט.

אַלץ וואָלט געווען גוט ווען די יונהכע זעצט מיך ניט אַוועק לעבן טויבעס בעט אַכטונג צו געבן אויף איר טאָכטער, וואָס כראַקעט מיט בלוט אין אַ קעסטעלע זאַמד, וואָס מ׳הייסט מיר אַלעמאָל אַרויסטראָגן. אַלע האַלטן זיך אין איין שאַפן מיט מיר: רייזל שיקט מיך נאָכן אָנבייסן, גאָלדע הייסט מיר גיין אויפן מאַרק קויפן עפּעלעך און די בחורים שטייען אויך ניששט אָפּ. דאָ מאַך איך שוין דעם אייזן און מ׳לערנט מיך שלייפן לעכלעך, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז איך דאַרף זיצן די גאַנצע צייט לעבן טויבעס בעט און זען ווי זי פּאָכעט מיט דער נשמה. איך קום אַלע טאָג אַהיים און וויין פאַר מיין מאַמען, אַז איך וויל ניט זיין באַ יונהן. איך דערצייל איר ווי אַזוי טויבע שפּייט מיט בלוט און איך דאַרף פון איר טראָגן דאָס קעסטעלע אינדרויסן. יאָ, מיין מאַמע זעט שוין, אַז פון מיר וועט קיין שניידערקע ניט ווערן און זי טראַכט שוין וועגן אַ נייער אַרבעט פאַר מיר — צו מאַכן מיך פאַר אַ זאָקנמאַכערין און באַשטאַט מיך טאַקע באַלד באַ כאַסיע גיטל לייב בערס.

באַ כאַסיע די זאָקנמאַכערין

נאָכדעם ווי מיין מאַמע האָט געהאַט אירע אַנטוישונגען פון מיין שניידעריי, האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט מיך אַריינגעבן צו כאַסיע גיטל לייב בערס, אַז זי זאָל מיך אויס־לערנען מאַכן זאָקן. זי האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט אויפגעבן דעם געדאַנק, אַז דער בעסטער וועג אינם לעבן איז צו האָבן אַ מלאכה אין דער האַנט.

כאַסיע די זאָקנמאַכערין איז געווען אַן אַלטע מויד, און זי האָט געפירט אַ מייסטערסקייע באַ איר מאַמען אין הויז. איר מאַמע, גיטל לייב בערס, איז געווען אַן אלמנה און איר גאַנץ פאַר־מעגן אין דער וועלט איז געווען אירע צווי קינדער: כאַסיע און הירשל. ווען מיין מאַמע האָט מיך געבראַכט, אַ דינסטיק אינ־דערפרי, צו דער זאָקנמאַכערין, האָב איך באַלד געזען, אַז דאָ וועט מיר געפעלן זיין: ערשטנס, איז דאָ זייער ריין אין הויז — סיי די מאַמע, סיי כאַסיע האָבן געהאַלטן די הויז אין דער בעסטער אָרדענונג, ס׳האָט פשוט געפינקלט פון יעדן וויב־קעלע; צווייטנס, האָט מיך כאַסיע אויפגענומען זייער שיין. מיין מאַמע האָט מיך דאָ איבערגעלאָזט. די באַלעבאָסטע האָט זיך מיט מיר באַלד באַפריינדט און מיך אָוועקגעזעצט באַ דער מאַשין און געוויזן ווי אַזוי צו טאָן די אַרבעט. קיין האָניק, מאָלט אייך, האָב איך אויך דאָ נישט געלעקט, ווייל די באַלעבאָסטע מיינע, ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, האָט נישט געקענט פאַר־טראָגן קיין יוגנט און האָט געהאַט אַ טבע צו קנייפּן. אפילו אין גוטן מוט האָט זי מיר געמאַכט סימנים אויף מיינע דאַרע הענט, ובפרט אַז ס׳האָט זיך אַמאָל עפּעס צעבראָכן אין דער מאַשין — האָב איך גאָר געהאַט געברענטע צרות פון איר.

צו מיין באַלעבאָסטע פלעגט אַריינקומען אַ חברטע, אויך אַן

אַלטע מויד. איר נאָמען איז געווען אסתר דעם זייפנמאַכערס, אָבער זייער אַ שיינע. ביידע חברטעס, די אַלטע מוידן, האָבן זיך געהאַלטן פאַרן גאַנצן צימעס אין שטאָט. אַלע זיינען ניט ווערט געווען, אין זייערע אויגן, וואָס די ערד טראָגט זיי אַרום. פון אַלעמען האָבן זיי אָפּגעשפּעט. מיר איז אָבער זייער שטאַרק געפעלן הערשל, מיין באַלעבאָסטעס ברודער, וועלכער איז געווען פונקט דער היפּוך פון איר. הערשל איז געווען אַ בחור, וואָס האָט אַריינגעבראַכט לעבן און מונטערקייט אין הויז.

הערשל איז געווען אַ בונדיסט און טאַקע אַ פירער אין דער באַוועגונג. עס קומען צו אים אָפט אַריין חברים, ער פאַרשפאַרט זיך מיט זיי אין צימער און פאַרברענגט מיט זיי דאָרט שטונדן לאַנג. מיין ערשטע באַקאָנטשאַפט מיט אים איז פאָרגעקומען אויף זייער אַ מאָדנעם אופן: די באַלעבאָסטע מיינע, הערשלס שוועסטער, איז געווען שטאַרק נייגעריק צו וויסן, וואָס די בחורים טוען אין צימער. שטעלט זי מיך אָן, אַז איך זאָל אַריינקוקן אין דעם שליסל־לאָך און, איך פאָלג. פלוצלינג עפנט זיך די טיר און הערשל, אַן אויפגעקאָכטער פון כעס, כאַפּט זיך צו מיר און וויל נאָר וויסן ווער ס'האָט מיר געהייסן זיך אונטערקוקן! אַ פאַרשעמטע וויין איך אָן אויף זיין שוועסטער — פון דעמאָלט אָן זיינען הערשל און כאַסיע געווען צעקריגט. מיט מיר האָט זיך הערשל באַפריינדעט און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין מיר אַרויסגערופן דעם ווילן צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

יעדן פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט הערשל געוואַרט אויף מיר אינדרויסן. שפּאַצירנדיק אויפן וועג צו מיין היים, האָט ער גערעדט צו מיר אין אַ שפּראַך, וואָס איז מיר דאַן געווען ניט אינגאַנצן קלאָר. מיין שוועסטער, האָט ער גערעדט מיט ברען, איז אַ בלוטזויגעריין, אַן עקספּלאָטאַטאָרקע, דו דאַרפסט איר ניט פאָלגן! דו דאַרפסט זיך ניט אונטערהערן וואָס איך שמועס מיט מיינע חברים און איר איבערגעבן. הערשל לאַדט מיך איין צו אַ פאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף פאָרקומען אין וואַלד שבת נאָכמיטיק. דאָרטן, זאָגט ער, וועסטו זיך באַגעגענען מיט קינדער פון דיין עלטער, וואָס באַלאַנגען צום יונגן בונד. דו וועסט זיך דערוויסן

פון אַסך אינטערעסאַנטע זאַכן. זיינע רייד האָבן אויף מיר געהאַט אַ כישופדיקן איינדרוק. איך זאָג אים צו, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועל איך פאָלגן אַלץ וואָס ער וועט מיר נאָר זאָגן. איך גיי אַריין אין דער ראָלע פון אַ קאָנספיראַטאָר, איך צי אויף זיך אַרויף אַ נייע הויט, אפילו מיין געלעכטער ווערט שטילער. דאָס איז געווען אין דעם יאָר 1904. אין אונדזער שטאָט פילט זיך שטאַרק די אַרבעט פונם בונד. די בירזשע איז געווען אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס און אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, קומען זיך דאָרטן אַלע צונויף, מען דיסקוטירט און מען שושקעט זיך, עס שווירבלט און גריבלט ווי אין אַ בינשטאָק.

איך בין דאַן אינגאַנצן צוועלף יאָר אַלט, אָבער צוליב מיין הויכן וואוקס בין איך שוין אין דער געזעלשאַפט פונם דערוואקסענעם דור. איך געדענק אַלע אָנפירנדיקע און גייסטיקע טוער פון מיין שטאָט. עס זיינען געווען פאַרטראָטן גאַנצע משפחות: די דריי ברידערלעך, הערשל, בערעלע און חיימקע, זיי זיינען אַלע געווען קליינע אין וואוקס, אָבער זייער גרויס אין אויפטואונגען פאַר דער באַוועגונג; די צוויי ברידער דווינסקי, אויך פון די גדולי הדור, זייער איבערגעגעבענע אַרבעטער־פירער; פון די פרויען לאָזט זיך געדענקען רבקה די שוואַרצע, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, פעסט געבויט, מיט אַ קאָפּ געקרויזטע, שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט אין אַ לאַנג־געפלאָכטענעם צאָפּ. רבקה איז געווען אַביסעלע סטולעוואַטע, אָבער דאָס האָט ניט צוגענומען באַ איר דעם חן פון איר שיינעם פּנים; בראַשקע מייטעס, אַ מיידל מיט גרויסער אינטעליגענץ און האָט פאַרנומען זייער אַן אָנגעזע־ענעם אָרט; גיטל די קייסעריניע, אַ מיידל אַ ברען. איר גע־שטאַלט איז געווען ווי אַ מאָדעל, און כאָטש זי איז געווען אַ שוס־טערס אַ טאָכטער, איז זי אויף אייביק פאַרבליבן מיטן נאָמען, גיטל די קייסעריניע; נאָך איינע איז געווען, גיטל די דאַמע. איר מאַן איז געווען אין אַמעריקע און דערפאַר האָט מען זי טאַקע גערופן „די דאַמע״. זי איז געווען אַ פרוי אין די דרייסיקער, אַ סימפּאַטישע חברטע, באַ איר אין הויז איז מען זיך שטענדיק צונויפגעקומען נאָך אַ „סכאָדקע״ צו פאַרטזעצן די דיסקוסיעס.

עס לאָזט זיך אויך געדענקען: לייב דער סטאָליער, שפרה, כאַסע זשיטאָמירסקע, יאַנקל דער בלעכער, יאָסל אָדעלס און אַנדערע.

אין דער געזעלשאַפט פון דערוואַקסענע האָב איך געפילט, אַז איך וואַקס אין מיין ווייסן. איך האָב אָנגעהויבן צו באַנעמען דאָס לעבן און זיך געריסן צו טאָן אַרבעט. און כאָטש מ'האָט מיר ניט געוואָלט אָנפאַרטרויען קיין אַרבעט, האָט זיך מיר דאָך איינ־געגעבן, אַ דאַנק מיין גוטן חבר הערשל, זיך נעמען צו דער אַר־בעט פון פאַרשפּרייטן ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַציעס — אַן אַרבעט, וואָס האָט מיך קיינמאָל ניט אָפּגעשראָקן און איך האָב ליב געהאַט צו טאָן זי אין מיין גאַנצן לעבן.

מיין חבר הערשל פלעגט אָפט אַרויסטרעטן באַ די פאַרזאַמ־לונגען אין וואַלד. איך האָב ליב געהאַט זיך צוהערן ווען ער האָט גערעדט. זיין שטימע איז געווען אַזאַ זאַפטיקע און זיין אידיש האָט געהאַט אַלע חנען.

הערשל האָט געהאַט אַ חבר דוד, וואָס איז געווען פּונקט דער קאָנטראַסט צו אים. דוד האָט געהאַט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, אַ שמייכלענדיקן פּנים און אַ מויל געזונטע, ווייסע ציינער. אָט דער דודל פלעגט אַלעמאָל דערגיין הערשלען די יאָרן, הלמאי ער שלעפּט זיך כסדר אַרום מיט אַ קינד — דאָס האָט ער געמיינט מיר. הערשל פלעגט אים שטענדיק אָפּענטפערן, אַז פון דעם קינד וועט אַמאָל עפּעס אויסוואַקסן — זי פאַרשטייט זייער גוט אונדזער באַ־וועגונג און טוט שוין אַרבעט ווי אַ גרויסע; הערשל איז מיר געוואָרן זייער איינגעבאַקן אין האַרצן. אַלץ וואָס איך האָב גע־טאָן, האָט הערשל געמוזט ווייסן און מיר זאָגן אַ גוט וואָרט. ביז היינטיקן טאָג ווייס איך ניט, צי הערשל האָט געהאַט דעם מינדסטן חשד, אַז איך בין געווען פאַרליבט אין אים מיטן גאַנצן פייער פון מיין ערשטער ליבע. אין די נעכט פלעג איך שטילערהייד וויינען מיט בלוטיקע טרערן און איך פלעג צו זיך ריידן: פאַרוואָס בין איך אַצינד ניט אַלט כאָטש זעכצן יאָר? מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען איך וואָלט געווען זעכצן יאָר אַלט, וואָלט ער מיך אפשר ליב געהאַט ווי אַ מיידל, ניט ווי אַ קינד! אַז הערשל האָט

געהאַט צו מיר שיינע געפילן, איז גאָר קיין פראַגע ניט; נאָך אַצינד זע איך אים, ווי ער שטייט אַן אויפגעקאָכטער, ווען זיין שוועסטער, מיין באַלעבאָסטע, הויבט זיך אָן צו שאַפן מיט מיר אין זיין קעגנוואַרט. איך האָב געפילט, אַז זי טוט עס אים צו להכעיס, ווייל ווען הערשל איז ניט געווען אין הויז, איז זי צו מיר גאָרניט אַזוי שלעכט געווען.

דערווייל גייט זיך די צייט. איך בין שוין אַ גאַנץ יאָר אויף דער לערע. איך אַרבעט שוין גוט בײַ זאָקן. מיין באַלע־באָסטע באַהאַנדלט מיך אַסך בעסער, זי ווייזט מיר אפילו אַרויס אַסך פריינדשאַפט; אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן קומט איר חברטע אסתר זי רופן צום טייך זיך באָדן, ווענדט זי זיך צו מיר: נו, דבורהלע, היינט וויל איך שוין מער ניט זיין קיין עקספּלאָטאַ־טאָרקע, ווי הערשל האָט זי גערופן, היינט נעמט זי איר אַרבע־טאָרין צום טייך זיך באָדן. אויף לאַנג איז מיר אָבער ניט באַ־שערט געווען צו געניסן פון כאַסיעס פריינדשאַפט, ווייל מאָמענטנ־ווייז פלעגט זי אַריינפאַלן אין אַ מרה־שחורהדיקער שטימונג. דאָס פאַסירט ספּעציעל ווען זי דערזעט זיך אין שפּיגל, און אין מיין אַנוועזנטקייט זעט זיך נאָך בולטער אַרויס איר פאַרעלטערטקייט, איר צעקנייטשקייט, איר באַשאָטענער פנים מיט די רויטלעכע פרישטשעס. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט איר כעס אַרויסגערופן באַ מיר אַסך שרעק. אַזוי האָט עס פאַסירט אין אַ זומערדיקן שבת בייטאָג: אונדזער שטעטל איז אין רו; די עלטערע פרויען זיצן אין די הייזער און לייענען דעם טייטש־חומש; די עלטערע אידן זיינען אין שול און די קינדער שפּילן זיך אינדרויסן; מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ געוואַלט־געשריי אין גאַס; איך לויף אַרויס פון מיין הויז און איך דערזע ווי מענטשן לויפן פון אַלע עקן; וואוהין לויפט מען? צו גיטל לייב בערס, צו מיין באַלעבאָסטעס הויז לויפט

מען! עס קומט מיר באַלד אויפֿן געדאַנק הערשל — ווער ווייסט וואָס מיט אים האָט געקענט פּאַסירן ?!

גיטל לייב בערס הויז איז געווען באַלאַגערט מיט מענטשן. איך שלאָג זיך דורך אַ וועג און דערזע: כאַסיע, מייך באַלעבאָסטע, ליגט אויסגעצויגן אויף אַ בעטל, אירע לאַנגע האָר זיינען צע־וואָרפן און איר פּנים איז שוואַרץ ווי די ערד; כאַסיעס טויט איז געקומען ווי אַ דונער פון אַ קלאָרן הימל. אפשר האָט זי זיך גאָר פאַרסמט ?

כאַסיעס טויט האָט מיך שטאַרק אויפגעטרייסלט. ערשטנס, בלייב איך אָן אַרבעט. צווייטנס, וועל איך ניט קענען זען הערשלען אַזוי אָפט און דריטנס האָב איך דערפילט, אַז איך האָט פאַרלוירן אַ גוטן פריינט, וואָס איז מיר באמת געווען אַ גוטע לערערין.

אַז מײַן באַלעבאָסטע, כאַסיע, איז געשטאָרבן, האָט גיטל לייב בערס נישט געוואָלט פאַרקויפן די מאַשין. זי האָט צוגעדעקט די מאַשין מיט אַ ווייסן צודעק און זי איז גע־שטאַנען אויפן שטענדיקן פלאַץ ווי אַ סימבאָל — עס זאָל מיינען אַז איר כאַסיע איז מיט איר אפילו נאָכן טויט; עס איז געווען זייער טראַגיש צו זען די ליידן און שווערע איבערלעבונג פון דער אומגליקלעכער מוטער, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג געהאָפט אויף נחת פון קינדער. איר לעבן איז געווען טרויעריק און איינזאַם אפילו מיט אירע קינדער, בפרט איצט, אַז כאַסיע איז געשטאָרבן און הערשל איז פאַרנומען מיט דער באַוועגונג, פלעגט זי זיצן אין איר קראָם, ענטפערן קונים בלויז וואָס זיי פלעגן איר פרעגן. צו מיר האָט זי געהאַט זייער אַ גוטע באַציאונג, אָבער יעדעס מאָל וואָס זי האָט מיך דערזען, האָט זי זיך דערמאָנט אין איר טאָכטער און איך פלעג דערפאַר אויסמיידן צו פאַרבייגיין איר קראָם.

דערווייל איז באַ אונדז אין הויז אויך ניט אַזוי פריילעך. מיין טאַטנס געזונט ווערט ערגער און ערגער, הגם ער שלעפּט זיך אַרום אויף די פיס. זיין איינציקער וואונטש איז, אַז מיין רחל זאָל וואָס גיכער חתונה האָבן. איר חתן דוד איז זייער אַ שטילער בחור. דעם טאַטן געפעלט ער זייער, אָבער ניט דער מאַמען מיט דער כלה. מיך אַרט גאָרניט, איך טראַכט נאָר, אַז ווען רחל וועט חתונה האָבן, וועל איך ווערן אַביסל חשובער.

די צייט פון מיין רחלס חתונה דערנענטערט זיך. מען גרייט זיך שוין. מיין מאַמע און אויך די באָבע, ביידע סאַרווערינס, גייען שוין אַרום מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, מע קאָכט און מע באַקט שוין עטלעכע טעג, ווייל די משפחות פון ביידע צדדים זיינען זייער גרויסע. דער חתן איז אַ טשערנאָכאווער, וואָס איז ניט ווייט פון ראַדעמישלע, פאָרט ער זיך אויפרופן אין טשערנאָכאוו באַ זיינע

עלטערן און מיר דאַרפן דערפאַר פאָרן אים באַגעגענען. מיר זיינען געווען אָרימע מענטשן, אָבער ווען עס איז געקומען אויס־צוגעבן אַ קינד, פלעגט שוין מיין ברודער, דער אַדוואָקאַט, אויס־שטיין אַלע הוצאות. דאָס איז געווען זיין הילף און דערפאַר טאַקע האָבן מיר געקענט דערגרייכן אַזאַ פיינעם שידוך פאַר רחלען. מיין ברודער, וועלכער איז דער הויפט־מחותן, איז זיך משמח ווי אַן אייגענער טאַטע, ווייל מער וועט ער זיך מיט רחלען ניט דאַרפן פאַרנעמען. מיין טאַטע איז קראַנק, אָבער ער קוקט אויס שיין און אינטערעסאַנט — זיין וואוקס און די ברייטע, אויסגעקעמטע באָרד, מיט די טיפע, ליידנדיקע אויגן, האָבן אים געגעבן דעם אויסדרוק פון אַ פראָפעסאָר. קיינער האָט ניט געקענט זאָגן אַז ער וועט אַזוי שנעל, נאָך רחלס חתונה, שטאַרבן. איצט אָבער גרייטן מיר זיך צום אַרויספאָרן באַגעגענען דעם חתן מיט די מחותנים.

אינדרויסן שטייען אַסך דראָזשקעס גרייט צו פאָרן אַנטקעגן דעם חתן. קלעזמער פאָרן אויך מיט, ווייל אין וואַלד ווערט אויפ־געשפילט אַ וויוואַט פאַרן חתן און חתנס צד. עס פאַרזאַמלען זיך אַרום אונדזער הויז, וואָס איז אויך דער בית מדרש, אַלע געסט און צוקוקער. דער טאָג איז אַ נאָך־שבועותדיקער, די זון שיינט און די ביימער בליִען. די כלה איז אויסגעפוצט אין איר חופּה־קלייד מיט דער פאַטע, זיצט אין שטוב און וואַרט ביז מיר וועלן קומען און ברענגען דעם חתן. זי בלייבט איבער מיט אירע צוויי חברטעס און אַ פאָר עלטערע פרויען, וואָס זיינען געקומען אַרויס־העלפן. מיין מאַמע איז זייער פאַרנומען, אָבער מיר באַשטייען, אַז זי זאָל אויך אַנטקעגנפאָרן דעם חתן; אַלע זיינען מיר אַצינד אויפן וועג. פורן און פאַיעטאָנעס ציִען זיך ווי אַ פּראָצעסיע איבער דער גאַנצער שטאָט. מיר פאָרן פאַרביי די אידישע קלייטן, וואָס זיינען אָפן ווי אַלע טאָג, דאָך פילט זיך עפעס, אַז היינט איז יום־טוב. איך בין אָנגעטאָן אין אַ ווייסער קלייד, פונקט ווי דער כלהס געמאַכט. מיר קומט אויס צו פאָרן מיט מיינער אַ חברטע און אויך מיט מיין ברודערס טאָכטער. אַלע גייען מיר אָנגעטאָן ווייסע קליידער, שטיפן און לאַכן אויף אַ קול. די איזוואָשטשיקעס שטעלן זיך אָפּ אין וואַלד — דאָס איז דער וואַלד דורך וועלכן מ׳קומט פון

טשערנאכאוו. אַ רייטער קומט און זאָגט אָן, אַז די מחותנים קומען אָן. די קלעזמער הויבן אָן אויפשפּילן אַ וויוואַט, די פּיי־געלעך העלפן זיי אַרויס. דער טאַטע מיט דער מאַמען איין פּאָר־איס און אַלע מחותנים נאָך זיי גייען באַגעגענען די געסט מיטן חתן בראש. אַלע מחותנים מישן זיך אַצינד אויס. מיר בייטן זיך מיט די פּלעצער, ווער עס פּאָרט מיט חתנס צד, ווער מיט כלהס צד און די פּראָצעסיע ציט זיך שוין אַצינד אין שטאָט אַריין. נאָך די וועגענער לויפן נאָך אַסך קינדער, וואָס האָבן ליב אַ חתונה, על־טערע מענטשן שטייען אויך ניט אָפּ. עס איז אַ גרויסע געשעעניש אין שטאָט — מאַטל דעם מלמדס טאָכטער האָט היינט חתונה!

די מחותנים האָט מען דערוויל אָפּגעפירט צו אַ סטאַנציע. די כלה מיט די מיידלעך זיינען אין זאַל. מיין רחל איז געווען זייער אַ שיינע כלה, זי האָט פּשוט געשיינט מיט אירע שיינע חופּה־קליידער און מיין מאַמע שיינט אויך; אָרימע מאַמע מיינע, וואָס זי האָט ניט געטאָן אַז די חתונה זאָל זיין שיין! עס איז אָבער נישט געווען אַזוי שיין ווען דער מחותן, יעקב יאשע פון טשערנאכאוו האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מ׳זאָל דערלאַנגען דעם נדן פאַר דער חופּה. מיין טאַטע טענהט אַז מ׳וועט געבן, איך בין דאָך אַ טאַטע און וועל ניט וועלן אַז מיין קינד זאָל זיין געקריוור־דעט. טענהט יאנקעוו יאשע: יאָ, איר ווילט טאַקע, אָבער וואו וועט איר נעמען? כדי צו פאַרמיידן בזיונות האָט מיין ברודער, דער אַדוואָקאַט, אויסגעציילט דעם נדן און מ׳האָט אין אַ מזל־דיקער שעה זיך גענומען גרייטן צו דער חופּה.

דאָס באַזעצנס פון דער כלה איז גאָרניט צום באַשרייבן. די קלעזמער זיינען געווען די בעסטע — נאָננע דעם קלעזמערס קאַפּעליע איז געווען אַ שם דבר איבערן לאַנד — און אַז נאָננע האָט גענעבן אַ פיר דעם סמיטשיק אויפן פידל צו באַזעצן די כלה, איז געוואָרן די אמתע יללה; אַלע האָבן געוויינט, און מיין רחל נעבעך, אויסגעמאַטערט און פאַרחלשט פון אַ גאַנצן טאָג פאַסטן, איז געווען אויס מענטש. אָבער ווער האָט זיך דען מיט איר גערעכנט? צו דער חופּה האָט מען זי געפירט שוין אין

אָוונט. די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן — אַלע האָבן געקענט מיין שוועסטער און אַלע האָבן געוואָלט כאַפּן אַ בליק אויף איר פּנים, ווי זי קוקט אויס אַצינד.

די קלעזמער שפּילן אויפן וועג, פון זאַל צו דער שול. די גאַסן זיינען באַלאַגערט פון ביידע זייטן און אינמיטן פירט מען מיין רחלען, מיט ליכט אין די הענט, צו דער חופּה. פריער גייט דער חתן מיט די טאַטעס, דערנאָך די כלה מיט די מאַמעס. די פּנימער פון די טאַטעס און די מאַמעס לייכטן פון גרויס פרייד, זיי פירן אַצינד זייערע קינדער צו דער חופּה; ענדלעך פירט מען אַרונטער חתן־כלה אונטער דער חופּה. דער חזן זינגט זייער שיין, מען דרייט זיך אַרום חתן. איך שטיי פונקט אַנטקעגן דעם חתן און וויל אים מאַכן לאַכן, עס גייט מיר אָבער נישט. ער האַלט די אויגן אַרונטערגעלאָזט און זיין פּנים איז זייער בלאַס; אָרימער דוד, ווי זיין האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז פרייען זיך איז נישטאָ צוליב וואָס; די כלה, מיין שוועסטער רחל, איז אויך אומעטיק. פריילעך איז בלויז אונדז, קליינוואַרג, וואָס קענען טאַנצן און זיך לאָזן וואוילגיין.

אָט זיינען מיר שוין צוריק אין זאַל. די טישן זיינען גרייט צו דער גוטער וועטשערע. מ׳עסט, מ׳טרינקט אויף וואָס די וועלט שטייט. אַלע קריוודעס האָבן די מחותנים פאַרגעסן, מ׳ווינטשט זיך אַלדאָס גוטס. אַזוי האָט מען געהוליעט ביזן ווייסן טאָג אַריין, און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין שוועסטער רחלס חתונה.

אַרענשטײַנס פֿאַבריק און דער בונד
אין דעם פֿיפֿטן יאָר

נאָך מײַן רחלס חתונה איז מײַן מאַמע געבליבן אַן אויסגעמאַטערטע. די אַלע צוגרייטונגען האָבן זי נאָך מער פֿאַרעלטערט. זי האָט מיך געהאַלטן לעבן זיך, איך זאָל איר העלפֿן באַקן, אָבער מײַן וואונטש איז געווען זיך אויסצולערנען אַ מלאכה. מײַן מאַמע האָט נאָר געזוכט אַ תכלית: אויב נישט פֿאַר אַן אַרבעטאָריך, איז מיך חתונה מאַכן. איר זאָרגעניש פֿאַר מיר איז געווען זייער גרויס, ווײַל זי איז געווען פֿול מיט פּחד. מײַן וואַקסן אַזוי שנעל, מײַן לאַכן האָט איר באַאומרואיקט.

מיט איין וואָרט, איר מיזינקע איז ניט געווען געראָטן אין די עלטערע קינדער. די לאַגע בײַ אונדז אין הויז איז אַ שרעקלעכע. דער טאַטע איז פֿאַרעלטערט געוואָרן און לײַדט שטאַרק פֿון אַזמאַ. די מאַמע באַקט נאָך אַלץ לעקעך. די לופֿט אין שטוב איז פֿאַרשטיקט און פֿאַרן טאַטן איז זייער שווער צו אָטעמען. האָבן מיר דעם טאַטן אַרײַנגעגעבן אין שפּיטאָל. ער ליגט דאָרטן דרײַ חדשים און עס לאָזט זיך אים אויס דאָס לעבן. דעם טאַטנס טויט האָט אויף מיר זייער שלעכט געווירקט און איבערגעלאָזט אַ טיפֿן שניט אין מײַן נשמה. איך באַנעם ערשט אַצינד ווי ער, אַ הויך־געבילדעטער מענטש, אַן אומרואיקע נשמה, האָט זיך שטענדיק געמוטשעט צופּאַסן צום לעבן; אַ גאַנץ לעבן זיך געפּלאָגט ביז דער טויט האָט אים אויף אייביק באַרואיקט. מיר בלײַבן וואוינען אינם זעלביקן שטיבל, אָבער מיר מוזן שוין צאָלן דירה־געלט. מײַן ברודער מאיר איז אין קיעוו, ער אַרבעט דאָרטן בײַ אַ סטאָליערײַ, און איך גיי אַוועק צו דער אַרבעט אין אַרנשטײַנס פֿאַבריק.

די אַרנשטײַנס זײַנען געווען אַן אַלטע, אײַנגעפֿונדעוועטע, גרויסע משפּחה אין ראַדעמישלע. זייער הויפּט געשעפֿט איז גע־

וועו צוקער־פאַבריקן. זיי האָבן פאַרמאָגט פלאַנטאַציעס פון צוקער־בוריקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף גרויסע שטחים לאַנד. זייערע פאַרמעגנס האָט מען געשאַצט אין די שווערע מיליאָנען. זיי האָבן באַוואוינט פאַלאַצן, וואָס האָבן פאַרנומען גאַנצע גאַסן און האָבן געטראָגן זייערע אייגענע נעמען. זיי האָבן געפירט, קען מען זאָגן, אַן אייגענע מלוכה און האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, שטאַרק אָפּגעהיט די ריינקייט פון זייער משפחה — בלויז מיט אייגענע האָט מען זיך מתחתן געווען; זייערע פרויען גרויסע שעהנהייטן, וועלכע האָבן געהאַלטן אַסך דינסטן און זיי עקספּלואַטירט אומרחמנותדיק. זייער זעלטן האָט מען געזען אין שטאָט איינע פון די גבירהטעס. זיי האָבן זיך אין ערגעץ נישט באַוויזן. אַלע איינוואוינער פון שטעטל האָבן זיך געוואונטשן די זכיה צו שטיין דאָרטן אין קיך.

אונדזערע שטאָט־אידן, שטאַרקע פרומע און אפילו אָרימע לייט, האָבן די ארנשטיינס ממש פאַרגעטערט — אַ קלייניקייט, די ארנשטיינס; זיי האָבן געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט געטאָן מיט זיי אַזאַ חסד, וואָס ער האָט פאַרזאָרגט זייער שטאָט מיט אַזעלכע פיינע נגידים צו וועלכע מ׳קען זיך ווענדן אין אַן עת צרה, צום ווינציקסטן אויף צוגיין בעטן אַ שטיקל ברויט. אין אמתן איז די גאַנצע שטאָט מיט אָרימעלייט געווען אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פאַר זייער עשירות. אָרימעלייט, וואָס האָבן געהאַלטן בהמות צו קענען ציען אַביסל חיונה, פלעגן זיך דאַרפן טראָגן מיט די עמערס מילך צו די ארנשטיינס. און אויף די טרעגערס פלעגט מען דאָרט קוקן מיט פאַראַכטונג, ווי אויף גאָטס פּלאָג, וואָס זייערע איידעלע נעזער מוזן נעבעך שמעקן זייער שווייס און בלוט.

מיין אייגענע שוועסטער, רחל, וואָס האָט קיין גוטע מינוט ניט געהאַט אין איר לעבן, האָט פאַרלוירן צוויי קינדער, ווייל זי האָט זיי איבערגעלאָזן אַליין אין הויז, בשעת זי האָט געטראָגן די עמערס מילך צו די ארנשטיינס און האָט דאָרטן געדאַרפט וואַרטן שטונדן לאַנג, ביז זי האָט אַרויסגעקראָגן דעם צעטל פאַר דער מילך.

די פֿאַבריק אין וועלכער איך בין אָנגעקומען איז געווען אַ נייע געוואַנט־פֿאַבריק מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען. אַר־בעטער האָט מען אַרונטערגעבראַכט פֿון לאָדזש און ביאַליסטאָק. זיינען פֿריער געקומען די מענער אַליין, אויסצוגעפֿינען ווי אַזוי עס וועט זיך אַרבעטן אין אַ קליינער שטאָט. אינגיכן זיינען אויך געקומען זייערע פֿרויען און קינדער און זיי האָבן זיך באַזעצט אַרום דער פֿאַבריק. די פֿאַרדינסטן זיינען געווען צרהדיקע, אַלע האָבן אָבער געאַרבעט — די מענער, די פֿרויען און די קינדער. אָרימע באַלעבאַטים האָבן אַוועקגעשיקט זייערע טעכטער אין דער פֿאַבריק. קיין גרויס כבוד איז דאָס אין יענער צייט ניט געווען פֿאַר די מיידלעך, ווייל פֿאַבריק־מיידלעך האָט מען שטענדיק גע־האַלטן אין מויל.

מיך האָט מען אַוועקגעשטעלט ביי אַ שפּול־מאַשינקע, דאָס איז אַן אַרבעט פֿון אָפּוויקלען די באַוול אויף צו מאַכן קעטעס. אַנדערע האָבן געאַרבעט באַם וויקלען די קעטעס און קניפּן; דאָס לעבן אין דער פֿאַבריק איז מיר גראָדע געווען אינטערעסאַנט און איך האָב עס אויך ליב געהאַט. דאָ בין איך געוואָרן אַן אמתע אַרבעטאָרן. איך פֿאַרנעם שוין אויך אַן אָרט אין „בונד”. מיר גרינדן אַ נייע גרופּע פֿון מיידלעך און בחורים און מיר קומען זיך צונויף יעדן שבת בא אַ יאָסל דעם קאָוועל אין הויז. דאָ האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט צו לייענען ביכער, זינגען און טאַנצן; יאָסל דער קאָוועל האָט אויך געהאַט דריי טעכטער, וואָס האָבן געאַר־בעט אין פֿאַבריק אַלס קניפּערקעס; די שטוב בא יאָסל דעם קאָוועל איז געווען אַן אָפֿענע פֿאַר אַלע איינזאַמע, אַרבעטלאָזע און פֿאַרוואָגלטע.

איך בין דאָן אַלט געווען פֿערצן יאָר און מען האָט זיך שוין באַצויגן צו מיר, ווי צו אַ דערוואַקסענער. איך בין שטאַרק פֿאַר־קאָכט אין דער באַוועגונג. הערשלען האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַרגעסן, ווייל זיין אָרט האָט איצט פֿאַרנומען אַן אַנדערער, אַ בחור דודל, וועלכער איז געווען מיין עלטער. ער איז געוואָרן מיין חבר.

די אַרבעט אין בונד איז געוואָרן זייער אינטערעסאַנט. פון צייט צו צייט איז אַראָפּגעקומען אַ פירער פון דעם צענטער. ער האָט דורכגעפירט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון אַלע בונדיסטן, אונדז איבערגעלאָזט אַסך וויסן און ליטעראַטור וועגן דער באַוועגונג און איז פאַרשוואונדן.

די אַרבעט אין דער פאַבריק איז מיר ניט געפאַלן שווער. מ׳פלעגט אָנפילן די שפּול־פּאַליע און ס׳איז געווען גענוג צייט צום טראַכטן.

עס איז דאַן געווען דאָס יאָר 1904. דער בונד האָט זיך געגרייט. מ׳טראָגט זיך אַרום מיט האָפענונגען אויף אַ קאָנסטיטוציע. מ׳ריכט זיך צו קריגן דאָס רעכט אויף אַ אידיש־קולטורעל לעבן, קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר וועלכער דער בונד האָט געקעמפט. עס איז געווען אַ צייט אַ ברויזנדיקע, די יוגנט איז געווען פלאַם־פייער.

אין די אָוונטן פאַרזאַמלט מען זיך אין שולכל. די מאַמע מיינע, איך איר שווער לעבן, שטערט מיר ניט אין מיין אַרבעט. אַלע מיינע חברים און חברטעס האָבן דערפאַר זייער ליב מיין מאַמען און זיי שעצן זייער הויך איר פאַרשטענדעניש און פאַר איר הסכמה, אַז די וועלט מוז און דאַרף געענדערט ווערן. די צוגרייטונגען פון די פירער גייען אָן פיבערדיק. פּראָקלאַמאַציעס ווערן אַרויסגעגעבן יעדן חודש, אויך אויף דער בירזשע איז זייער לעבעדיק.

באַ אונדז אין שטאָט זיינען געווען נאָך צוויי אידישע פאַרטייען: די פּועלי ציון און די ס. ס. דאָרט איז געווען שטאַרק פאַרטראָטן די אינטעליגענציע. זיי פלעגן אויסגיין איבערצונעמען אַ חבר אָדער חברטע פון בונד, אין זייערע רייען אַריין. דאָס האָט זיך זיי זעלטן איינגעגעבן. דאַקעגן פלעגן פון זייערע פאַרטייען אַריינפליסן אַסך מיטגלידער צום בונד, ווייל דער בונד איז געווען אַקטיוו און פּראָדוקטיוו.

אין דעם יאָר 1904 האָט אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן

יאַפּאַן און רוסלאַנד — אַ מלחמה, וואָס איז פּראָוואָצירט געוואָרן פון דעם קייסערס מקורבים, כדי צו פריטשמעליען די רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן לאַנד; דער חשבון איז, אָבער, געמאַכט געוואָרן, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אָן דעם באַלעבאָס.

די יאַפּאַנעזער זיינען געווען זייער פלינק און גוט צוגעגרייט. איידער מ'האָט צייט געהאַט זיך אַרומקוקן איז יאַפּאַן אָנגעפאַלן און האָט אָנגעהויבן געבן ריכטיקע קלעפּ און האָט טאַקע פאַר־כאַפּט וויכטיקע פּאָרטן און האַנדלס־שטעט. דער צאַר שליסט דאַן אַ שענדלעכן שלום, וואָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם פאָלקס־צאָרן און קעגנערשאַפט צו דעם פאַרפוילטן צאַרישן רע־זשים. אַזוי אַרום האָט די מלחמה נישט נאָר ניט צוריקגעהאַלטן, נאָר גאָר פאַרשנעלערט דעם אָנקום פון דער רעוואָלוציע. אַלע ידיעות פלעגן צו אונדז אָנקומען דורך צייטונגען אָדער פּראָקלאַ־מאַציעס, וואָס אַ חבר פלעגט ברענגען פונם צענטער. מיר האָבן די ידיעות ממש געשלונגען.

**
*

אין שטאָט גרייט מען זיך שוין צו דער גרויסער דעמאָנ־סטראַציע. דער בונד איז די אַקטיווסטע גרופּע אין פּאַרזשיניקן אַלע כוחות אין שטאָט. עס שטייען צו די פּועלי ציון און די אַנ־דערע גרופּירונגען. אַ גאַנצע נאַכט אַרבעט מען, טאַקע דאָ וואו מיר וואוינען, אין דעם וויבערשן שולכל. מ'גרייט צו די פאָנען צו באַגעגענען דעם טאָג פון אונדזער באַפרייאונג — די באַפריי־אונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

ווער עס האָט זיך נאָר באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע, וועט געוויס געדענקען יענעם טאָג, ווי מיר האָבן אָנגעפאַנגען מאַרשירן פון דער שול־גאַס. מיר זיינען געגאַנגען מיטן מאַרק ביז דער נייער שטאָט, דערנאָך צו דער טורמע. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ די טויערן פונם באַצירק וואו עס האָט זיך גע־פונען די תפיסה. ווי עס וויזט אויס, האָט מען זיך גערוכט אויף אונדז, ווייל קיין גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר ניט געהאַט. ווי נאָר אונדזערע חברים האָבן איינמאָל אויסגעשאָסן אין דער לופט, האָבן זיך צעעפנט די תפיסה־טויערן און אַלע אַרעסטירטע,

פּאָליטישע און קרימינעלע, זיינען באַפרייט געוואָרן. דעמאָלט האָבן אונדזערע חברים, פון גרויס פרייד, באַכאַמאַל אויסגעשאָסן אין דער לופט און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער מאַרש צוריק אין שטאָט אַריין.

עס פלאַטערן די רויטע פאָנען. דער בונד זינגט לידער אין אידיש און אין רוסיש. מ׳זינגט „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט" און מ׳מאַרשירט שטאָלץ איבער די גאַסן.

אונדזער פרייד האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. אין אָוונט איז אונדזער פרייד דערטרונקען געוואָרן אין אידיש בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן אין אַסך שטעט, דערהויפּט אין קיעוו און אין קישענעוו. אונדזער שטאָט איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, ווייל די גוים האָבן געלעבט בשלום מיט די אידן. זיי האָבן טאַקע גע־טענהט: מיר וואָלטן אייך געקענט דערהרגענען, ווייל מ׳הייסט אונדז דאָס טאָן, אָבער זאָל גאָט זיין מיט אייך, מיר וועלן אייך קיין שלעכטס ניט טאָן.

די גאַנצע וואָך איז אונדזער שטאָט געווען איינגעהילט אין טרויער. עס זיינען געווען אַסך אַרעסטן, אָבער וואָס פאַר אַ פאַר־גלייך איז דאָס געווען מיט פּאָגראָמען, וואָס האָבן געבושעוועט אין אַנדערע שטעט? אין קיעוו און אין קישענעוו האָט מען גע־שאָכטן פרויען און קינדער אויף די גאַסן — די קאָנסטיטוציע איז איבעראַל איינגעטונקען געוואָרן אין בלוט.

1905

קיין פּאָגראָם, ווי געזאָגט, איז טאַקע ניט געווען אין אונדזער שטאָט, אָבער אין די אָנפירנדיקע חברים האָט מען זיך נוקם געווען מיט דער גרעסטער אכזריות: פון די דריי ברידערלעך ווערט געכאַפּט בערעלע. בערעלע ווערט געשלאָגן אָן רחמנות און מע פאַרשפּאַרט אים אין תּפיסה; עס ווערט אַרעסטירט יאָסל אָדעלס און פון די פרויען ווערן אַרעסטירט ריווע די שוואַרצע און אַנדערע. די שטאָט האָט געהאַלטן, ווי מ׳זאָגט, די נשמה אין די הענט — אַלע טאַטעס און מאַמעס זייַנען אַרומגעגאַנגען נידערגעשלאָגענע, פאַרוואָס גאָט האָט זיי געשטראָפט מיט אַזעלכע שלעכטע קינדער, וואָס פאַרשוואַרצן זיי די פּנימער. יאָ, די צייַט איז געווען אַ שטורעמדיקע, מ׳האָט אָבער דעם שטורעם אָפּגעהאַלטן, די יוגנט געצאַמט. פאַר דעם קלענסטן פאַרדאַכט קומט מען און מע מאַכט „אָביעסקעס“ און אַז מ׳געפינט עפּעס, נעמט מען אין באַצירק, מ׳גיט קלעפּ די בונדיסטן אויף וואָס די וועלט שטייט!

די רודניע, וואָס איז געווען אַ פאָרשטעטל פון ראַדעמישלע, איז געווען אַ וועלט פאַר זיך און האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם רעוואָלוציאָנערן לעבן; כמעט די גרעסטע צאָל רעוואָלוציאָנערן זייַנען געקומען פון יענעם געגנט; דאָרטן האָבן זיך געפונען אַלע פאַבריקן פון דער לעדער־אינדוסטריע און די היימען פון אַלע אַרבעטער. די רודניע איז געווען הויפּטזעכלעך אַ קריסטלעכער געגנט און די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז אויך געווען באַשעפטיקט אין די גאַרבאַרניעס.

די אַרבעט אין די גאַרבאַרניעס איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע פאַכן: גארבארניקעס, יאכטארניקעס און וואלקערס. יעדע אַרבעט האָט זיך געהאַט איר זשאַנר: גאַרבאַרניקעס האָבן גע־

קראָגן ווינציקער באַצאָלט כאָטש זיי האָבן זייער שווער געאַרבעט באַם רויען לעדער; אַ יאַכטאַרביק האָט שוין בעסער פאַרדינט, באַם גלעטן דעם לעדער און אַ וואַלקערער, וואָס האָט געמאַכט דעם פיינערן לעדער, האָט נאָך מער פאַרדינט. קיין גרויסע גליקן איז אָבער באַ קיינעם ניט געווען. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָרטן האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט די אויפקלערונג־אַרבעט. וואו מיר פלעגן אָפּהאַלטן אונדזערע מיטינגען. צוצוקומען צו דעם וואַלד, האָבן מיר געדאַרפט אַריבערגיין דריי בריקן און אַ גרויסע גרעבליע, וואָס האָבן פאַרבונדן די אַנדערע האַלבע זייט פון שטאָט מיט דער רודניע.

ווען די רעוואָלוציע פון פינפטן יאָר איז דורכגעפאַלן, ווערט אַ שטילשטאַנד, אָבער בלויז אויסערלעך, אינערלעך ווערט מען נאָך שטאַרקער. מיר האָבן איינגעזען, אַז מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן און פאַרזעצן אונדזער אַרבעט.

עס גייען אַוועק עטלעכע חדשים און די אַרעסטירטע ווערן באַפרייט. זיי קומען אַרויס געשטאַרקטע און אויך אַביסעלע מער געלערנט. די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן געוויסע פּריווילעגיעס און אויב עס האָבן זיך געפונען סטודענטן אין דער טורמע, פלעגן זיי לערנען מיט די אידישע אַרבעטער די רוסישע שפּראַך און זיי אויך אויפקלערן אויף אַ ברייטערן שטייגער.

מיר דערוויסן זיך פון די צייטונגען, אַז אַחוץ פּאָגראָמען איז אויך פאָרגעקומען גרויסע אָנפאַלן אויף די וואָס מ'האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט און די לאַגע איז אין יענעם יאָר געווען זייער אַ געדריקטע. די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן זיינען דערוויל אַוועק קיין אויסלאַנד און אויך אין די קלענערע שטעט איז אָנגעשטאַנען אַ שטילשטאַנד. די איבערגעבליבענע חברים ווערן שטאַרק געדריקט, זיי קענען פשוט ניט אָנגיין מיט דער אַרבעט. די וואָס ווערן צייטווייליק באַפרייט, אַנטלויפן קיין אַמעריקע און די אַנדערע ווערן ווידער אַרעסטירט.

אונדזערע חברים פון ראַדעמישלע, אַרבעטער פון אַלע פאַכן, האָבן אָנגעהויבן שטאַרק טראַכטן פון פאָרן קיין אַמעריקע. די

רודניע האָט זיך די ערשטע אַ רודער געטאָן, דערנאָך האָבן גע־נומען נאָכטאָן זייער ביישפּיל די שטאָט און דעמאָלט זיינען אַסך אַוועק קיין אַמעריקע.

אונדזערע פירנדיקע חברים, די צוויי ברידער דווינסקי, וואָס זיי זיינען געווען די סמעטענע פון דער באַוועגונג, געבילדעטע און איבערגעגעבענע בונדיסטן, זיינען געווען פון די ערשטע וואָס ווערן פאַרשוואונדן. דערנאָך זיינען ניט געוואָרן די דריי ברידערלעך: הערשל, בערעלע און חיימקע; יאַנקל דער בלעכער; מיך הערשל און זיין חבר דוד — אַלע זיינען זיי אַוועק קיין אַמעריקע. פון די פרויען זיינען אויך אַוועק גיטל די קייסערינע און טעמע.

איבערגעבליבן זיינען בלויז געציילטע חברים און חברטעס, וועלכע האָבן פאַרגעזעצט די אַרבעט: ריווע די שוואַרצע, מאַשקע זשיטאָמירער, יאָסל אַדעלס און גיטל די דאַמע. אין ראַדעמישלע עפנט זיך אַ טאַנץ־קלאַס. די לערערין איז געווען נעכאַמקע, זייער אַ חנעוודיקע ווייבל. אין שטאָט מאַכט מען אפילו חוזק פון נעכאַמקעס טאַנץ־זאַל, זי מאַכט אָבער גוטע געשעפטן; עס האָבן זיך דעמאָלט געפונען גענוג טאַנצנדיקע בעלנים! פאַר אונדז, די אַקטיווע חברים און חברטעס, איז נעכאַמקעס טאַנץ־זאַל געווען זייער אַ גוטע און ניצלעכע דערשיינונג: ערשטנס האָט מען באַ נעכאַמקען אין טאַנץ־זאַל געקענט פירן אַרבעט און נישט ווערן פאַרדעכטיקט; צווייטנס האָבן מיר, יונגע חברה, טאַקע ליב גע־האַט צו פאַרברענגען. אין די אָונטן, נאָך דער אַרבעט, פלעגט מען זיך דאָרטן צונויפקומען. ספּעציעל אומפאַרגעסלעך אינטע־רעסאַנט זיינען געווען די שבתים, ווען אַלע זיינען זיך צונויפגע־קומען אויסגעפּוצטע, שיינענדיקע, אין די בעסטע מלבושים. נע־כאַמקעס טאַנץ־זאַל איז געווען איינגעאָרדנט מיט געשמאַק, האָט מען זיך דאָרטן געלאָזט וואוילגיין און טאַקע שטאַרק הנאה גע־האַט. דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיט בעניק און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך בין שטאַרק פאַרליבט אין אים.

אין יענער צייט בין איך שוין פופצן יאָר אַלט, אַ דערוואַק־

סענע מיידל און מיין מאַמע פֿאַרקלערט זיך, אַז ס׳איז שוין צייט מיט מיר אַ שידוך צו טאָן. דער שידוך איז שוין, אייגנטלעך, באַ איר אין געדאַנק, אַ פֿאַרטיקער. מיינע טענות אַז איך האָב שוין ליב אַ בחור מיטן נאָמען בעני, איז פֿאַר מיין מאַמען קיין בייעס ניט און קיין תירוץ אודאי ניט! געזאָגט און געטאָן. זי ברענגט דעם חתן אין הויז אַריין. דער בחור איז טאַקע זייער אַ שיינער — אויף מיין מאַמעס געשמאַק האָט מען זיך געקענט פֿאַרלאָזן — אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבן צו ריידן מיט אים, איז מיר שלעכט געוואָרן אויפֿן האַרצן: ער איז גאָר אַ פֿרומער בחור, ער דאַווענט יעדן טאָג און האַלט זייער שטאַרק פֿון דעם טשערנאָבילער רבין. דער רבי אַליין האָט אים פֿון פֿריזיוו אַרויסגעראַטעוועט! די מאַמע קוועלט אָבער אָן פֿונם חתן, פֿון זיין לייטישקייט, פֿון זיין שיינעם פּנים. דו זעסט, טאָכטער, אַן אמת ערלעכער מענטש פֿאַר דיר. ער וועט דיך ניט אָוועקוואַרפֿן, ווי יאַנקל דער בלעכער און זיין גלייכן האָבן געטאָן מיט זייערע ווייבער.

מיינע טענות אַז איך האָב מיט דעם בחור גאָרניט פֿון וואָס צו ריידן, רופֿט באַ מיין מאַמען אַרויס געלעכטער מיט טרערן. ווי געפֿעלט דיר אַ מעשׂה, זאָגט זי, זי האָט גאָרניט פֿון וואָס צו ריידן מיט אים; אַז מ׳האָט חתונה, מ׳האָט קינדער, און דער מאַן פֿאַרדינט אויפֿן לעבן, געפֿינט מען שוין פֿון וואָס צו ריידן! קיין גרויסער גליק, דעם אמת געזאָגט, ביזטו פֿאַר אים אויך ניט. ניט מער, אַז דו זאָגסט ניין, איז ער איינגעקשנט דווקא אויסצופֿירן אויף יאָ. אַזאַ בחור, מיט אַזעלכע גאָלדענע הענט, און קומט נאָך אַרויס פֿון אַזאַ פֿיינער משפּחה, קען דאָך נעמען דאָס שענסטע מיידל מיט נדן, און דיך וויל ער נעמען אַזוי ווי דו שטייסט און גייסט — דאַרפֿסטו נאָך ניט וועלן!

מיין מאַמעס רייד האָבן געהאָלפֿן. זיי האָבן אויף מיר געהאַט אַ ווירקונג און איך זאָג שוין יאָ. עס גייט אַוועק אַ יאָר און עס ווערט געפּראַוועט אַ חתונה.

מיר איז זייער אומעטיק אויפֿן האַרצן. מיין מאַמען איז אָבער גוט און וואויל, זי גיט איצט אויס איר מיזינקע. אַלע

קינדער זיינען געקומען זיך מיטפרייען. מיין עלטערער ברודער, דער גביר, מיט וועמען איך בין ניט שוה בשוה, צוליב פרינצי־פיעלע טעמים, טאנצט איצט און פרייט זיך וואס ער ווערט פון מיר פטור; עס שפילן איצט די קלעזמער דעם כשר־טאנץ און מיין ארימע מאמע וויינט פון גרויס פרייד. עס זיינען געקומען אלע מיינע חברים און חברטעס — איך טאנץ מיט זיי, איך טאנץ אויף מיין אייגענער חתונה. די חתונה איז פארגעקומען שבת נחמו.

אין יענעם פעריאד איז געווען א חתונה־עפידעמיע צווישן אלע מיינע חברים און חברטעס, וועלכע זיינען איבערגעבליבן אין שטאט. עס האט אויסגעזען, אז יעדערער וויל דא עפעס אפווישן דעם פארדאכט, אז ערגעץ מישט מען זיך אין פארדעכ־טיקע ענינים.

די יארן גייען זיך. מיר באווייכערן די וועלט מיט שיינע קינדערלעך. די ארבעט פון דער באוועגונג ווערט אבער נישט אויפגעגעבן. אונדזערע פארזאמלונגען ווערן אפגעהאלטן בא יאסל אדלס אין הויז. מיר לייענען ביכער און מיר האלטן אן אויג אויף די פראפעסיאנעלע פאראיינען. איך בין אצינד באוואוסט־זיניק אקטיוו.

מיין מאן, זייער א גוטער שניידער, ארבעט אין קיעוו. פון צייט צו צייט קומט ער צופארן און אין משך פון פינף יאר האבן מיר שוין אונדזערע פיר קינדערלעך: צוויי אינגלעך און צוויי מיידלעך. איך בין שוין צוויי און צוואנציק יאר אלט. איך וואוין נאך מיט מיין מאמען און איך העלף איר ארויס מיט דער ארבעט. מיר באקן לעקעך און מיר זיינען אויך סארוועריגס, ווייל דאס לעבן, מיט פיר קינדער, פאדערט זייער אסך.

מיין מאַן פאָרט קיין אַמעריקע און עם ברענגט אויס די מלחמה

מיין מאַנס משפחה, די עלטערן מיט די קינדער, אַלע זייער ערלעכע און האָרעפּאַשנע מענטשן פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע. זיי שטעלן זיך דאָרטן איין און הייבן אָן צו באַמבאַרדירן מיט בריוו, אַז מיין מאַן זאָל אויך אַרויסקומען צו זיין קיין אַמעריקע. מיך מיט די קינדער זאָל ער דערוויייל איבערלאָזן אין שפּעטער זאָל ער אונדז אויך אַריינעמען. מיר איז דער פּלאַן ניט געפעלן געוואָרן. מיין מאַמע האָט אָבער געגעבן איר הסכמה אַז עס איז טאַקע גלייכער אַז איך זאָל דערווייל בלייבן מיט די קינדער בײַ איר און לאָזן מיין מאַן פאָרן קיין אַמעריקע.

עס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק, אין דעם חודש אווגוסט 1914, מיין מאַן פאַרפּאַקט זיך און לאָזט זיך אין וועג אַריין, און פּונקט אין אַ וואָך אַרום האָט אויסגעבראָכן די וועלט מלחמה.

אויף אַלע ראָגן זאַמלען זיך מענטשן. מיט פאַריסענע קעפּ לייענט מען די גרויסע אויפשריפטן, אַז מאָביליזאַציע איז דערקלערט געוואָרן און אויך וועלכע בילעטן עס דאַרפן זיך מעלדן צו דינסט.

די מאָביליזאַציע האָט אויך אַרויסגערופן זייער אַ גרויסן פּאַניק, — די מלחמה איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז דער גאַנצער האַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט. קיין סחורה איז ניט געווען צו קריגן און דער רובעל האָט פאַרלוירן זיין ווערט. ספּעציעל שלעכט איז געוואָרן דער גרויסער מאַסע פון דער באַפעלקערונג וואָס האָט תמיד געלעבט פון האַנט אין מויל.

די אַרנשטיינס, וועלכע האָבן געהאַט דעם גאַנצן קאָנטראָל פונם לעבן אין אונדזער שטאָט, זיינען, ווי זייער שטייגער איז געווען יעדן זומער, אין אויסלאַנד אויף דאַטשע. די האָפנונג, ווי עס פלעגט פאַסירן יעדן זומער, אַז באַלד וועלן די אַרנשטיינס צוריקקומען מ׳וועט ווידער אָנפאַנגען אַרבעטן, וועט זיך די פּרנסה פאַרבעסערן, איז איצט אינגאַנצן צערינען געוואָרן. די פאַרטרעטער וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן זיינען געווען די אמתע הינט און, ווי עס פלעג אַרומגיין דאָס ווערטל, אַלצדינג פאַר זיי און פאַרן צווייטן קדחות; זיינען זיך די אַרנשטיינס געווען אויף דאַטשע, זיך געלאָזט וואוילגיין, און אַ גאַנצע שטאָט מענטשן האָט זיך פאַקטיש געבאָדן אין דעם גרעסטן דלות.

די מלחמה האָט מען געטראַכט וועט ניט לאַנג אָנהאַלטן, ווייל ווי איז עס מעגלעך אַז אַ גאַנצע וועלט זאָל זיך אינגאַנצן אָפּשטעלן? די וועלט האָט זיך אָבער, ווי עס האָט אויסגעזען, פאַר׳עקשנט און וויל אַלעמען אומברענגען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ציען וואָכן, חדשים און יאָרן, פון פיין און נויט.

מיין מאַן איז דערווייל אָנגעקומען צו זיינע עלטערן קיין אַמעריקע. פון צייט צו צייט דערהאַלט איך פון אים אַ בריוו און אַביסל געלט, אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך איינ־צוואָרדענען אין דעם נייעם לאַנד, זענען שוין די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד געווען אינגאַנצן אָפּגעשניטן. אַמעריקע ווערט אויך אַריינגעצויגן אין דער מלחמה. עס בלוטיקט די גאַנצע וועלט, אויף די שלאַכט פעלדער פאַלן מענטשן ווי די פליגן.

מיין ברודער מאיר לייזער איז געווען פון די ערשטע וואָס מ׳האָט אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר דערהאַלטן די ידיעה אַז ער געפינט זיך שוין באַ די דייטשן אין פלען. מיין מאַמע האָט זיך געפרייט וואָס איר זון איז דערווייל געראַטעוועט. די יאָרן גייען דערווייל. מיינע קינדער וואַקסן זייער

שיין. זיי לערנען זיך גוט, אין אידיש און אין רוסיש, און זיינען אַ גרויסע טרייסט פאַר מיר אין די שרעקלעכסטע מאָמענטן פון מיין לעבן.

***

די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן אויף דריי יאָר צייט. אין די דאָזיקע דריי יאָר זיינען אַסך וואַסערן איבערגעלאָפן, אַסך מענטשן אומגעקומען. ווען עס איז באַקאַנט דאָס לעבן פון דעם קליינעם שטעטל, ווייסט ווי אומעטיק און מאָנאָטאָן עס פליסן די טעג. די יוגנט האָט אָבער געפונען אַן אויסוועג. מ׳נעמט זיך צונויף אין אַ צימער, קיין ליכט צינדט מען נישט, די לבנה שיינט אַריין דורך די פענצטער. מיר זינגען מיט שטילע מעלאָדישע שטימען, מ׳האָט זיך ליב. דער ראָמאַנס איז די שפּייז מיט וועלכער אונדז ווערט ליב דער מאָרגן. מיר איז געווען אינטערעסאַנט זיך צוקוקן צום טאָג־טעגלעכן לעבן און דעריבער ברייננג איך אַרויס אונדזער שטאָט ווי אַזוי מענטשן האָבן געלעבט ביז דער רעוואָלוציע.

כייע-רייצע

איך ברענג אַרויס די דאָזיקע טיפן וואָס זיינען געווען צו מיר נאָענט און האָב ליב געהאַט פון זיי טראַכטן. זיי זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון. אַלע זיינען שוין אַצינד אַנדערש. די סאָוויעטן־רעגירונג האָט געגעבן דעם זינען און אויפגעלייזט די עלנטקייט.

כייע־רייצע, אַזוי האָבן זי אַלע גערופן, אַפילו אירע אייגענע קינדער האָבן זי אויך גערופן כייע־רייצע. איר מאַמע, ליפשע, האָט געפירט אַ גרויסע אכסניה, וואו מ׳פלעגט אַריינפאָרן. פריזיוו צייט האָט דאָרטן געשוויבלט מיט טאַטעס, מאַמעס און זין, וואָס האָבן געוואַרט אויפן טאָג פון פריזיוו־באַפרייאונג. אונדזער הויז איז גראַדע געווען די צווייטע פון ליפשעס אכסניה, וואָס מ׳האָט גערופן די „מאַלינער סטאַנציע״.

כייע־רייצע אַליין פלעג אַרומגיין פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַן אויסגעשטראַצלטע מיטן גרויסן פאַרוק, מיט אַ שיינער און ציכטיקער קלייד און האַלטן אין איין קייען, איר איז קיין זאַך ניט אַנגעגאַנגען! אַז ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט פלעגט זי זיך באַזעצן אויפן סאַמע אויבנאָן פון טיש. אַרום טיש האָבן זיך באַזעצט אַלע בעלי הגלות און גלאַט אַזוי יידן און יידענעס. אין הויז איז געווען אַ געפילדער פון דינסטן און משרתים. מ׳לויפט אַריין און אַרויס, מ׳קומט מאָנען חובות, און כייע־רייצע וועלכע האָט יעדן איינעם געדוצט, פונם קלענסטן ביזן גרעסטן, שרייט אויפן קול: דו, וואָס איז די מורא אויף דיר! הער נאָר אַביסל, וואָס איז, איך וועל ערגעץ אַנטלויפן? אין הויז האָט זיך געפונען אַ גאַנצע משפחה פון שיינע אידן מיט בערד, זין, איידעמס, טעכטער און דער עיקר די באָבע ליפשע, וואָס אַלע האָבן זי גערופן מאַמע.

די אַלטע ליפשע האָט זיך געטאָטשעט פון פאַרטאָג ביז אין דער זינקנדיקער נאַכט און געענטפערט. זי פלעגט זיך בעבעך בעטן באַ דער טאָכטער, כייע־רייצע, אַז זי זאָל איר אַרויסהעלפן, כייע־רייצע איז אָבער שטענדיג געזעסן אַרומגערינגלט מיט פּריזיוו־ניקעס און געשאָטן מיט אַנעקדאָטן, פּעפּערדיקע ווערטלעך, און די געלעכטערס האָבן זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער טשער־נאָבעלער גאַס. אַלע האָבן זיך נאָר געוואונדערט וואָס אַ יידישע טאָכטער זאָל זיך אַזוי אויפירן. איר מאַן איז געזעסן יומם ולילה אין בית המדרש און געלערנט תורה, און כייע־רייצע האָט זיך געלאָזט וואוילגיין.

אין דער סטאַנציע איז געווען אַ ווירוואַר. אונדזער שטאָט וועלכע איז געווען אַ גאָראָד איז, נאָך די ימים טובים, געווען באַלאַגערט מיט פּריזיוווניקעס פון די אַרומיקע שטעטלעך. מאַמעס וואָס האָבן געהאַט זין, ניט קיין געזונטע, האָבן זיי נאָך צו זייער שוואַכקייט צוגעגעבן אַ שטיקל חסרון: אַן אויער זאָל פּייפן, אַ פינגער איינבויגן, אַ זעקס און זעכציק וואָס האָט געמיינט אַ געבריך און אפילו פאַר אַ פאַרד האָבן זיך עלטערן אויך ניט צוריקגעהאַלטן, אַבי דער זון זאָל ניט גיין דינען. עס האָט פּאַסירט אַ פאַל, אַז באַ אַ מאַמע איז געווען אַ זון טאַקע מיט אַן אמתן פאַרד, נאָר אַזוי ווי באַטשאַלסטוואָ האָט געוואוסט אַז מען מאַכט זיך אַליין די חסרונות, און כדי אַנצושרעקן דעם עולם אַז מזאָל זיך ניט קראַנק מאַכן פלעגט מען אָפּגעבן אין דינסט אַ בחור מיטן גרעסטן חסרון. געדענק איך ווי די מאַמע, פון דעם זון וואָס האָט געהאַט דעם אמתן פאַרד, איז געגאַנגען איבערן שטאָט מיט אַ ניגון, פּונקט ווי מע באַקלאָגט אַ טויטן; ווייל איז דער מאַמען וואָס זי האָט דער־לעבט. עס איז דאָך ניט געווען קיין געמאַכטער נאָר אַן אמתער אַ געבאָרענער פאַרד, וואָס איך האָב אים קיינמאָל ניט געקענט אויסהיילן. אַצינד וועט שוין פאַניע חזיר זיך עסקן מיט רייסן זיין פאַרד. די גאַס איז געגאַנגען אויף רעדלעך, מ׳האָט זיך געקאַטשעט אויף דער ערד פון געלעכטער.

נאָכן פּריזיוו פלעג אין שטעטל ווערן זייער אומעטיק. אַלע

וואוילע יונגען זיינען מיט אראפגעלאזטע קעפ געגאנגען, ווי צו דער שחיטה, דינען פאניען. פארשוואונדן איז די פריילעכקייט וואס האט געריסן די אויערן.

אין חער מאלינער סטאנציע האט מען געקענט הערן און זען די פארשיידנסטע סצענעס: דא האבן זיך עלטערן געזעגנט מיט קינדער, קינדער וואס האבן דווקא געוואלט גיין דינען, געווען הפקר יונגען, אצינד שטייען זיי ארום די מאמעס און טרערן גיסן זיך טייכנווייז פון זייערע אויגן. כייע־רייצע שטייט א פארשוויצטע און מאכט חשבונות, שטעלט צו וויפל איר הארץ גלוסט. אנדערע לאזן זיך ניט באריסן, ווערט געוואלדן, פאליציי קומט צולויפן. די פאליציי איז אבער אונטערגעקויפט און דער בעל חוב מוז באצאלן אלץ וואס כייע־רייצע האט אים אנגערעכנט.

יענע צייטן זיינען געווען פינצטערע: עס לאזט זיך געדענקען א ווינטערדיקן פרימארגן. יהודה לייב מלמדס ווייב האט אנגעשאטן דעם פייער־טאפ און זיך געלאזט גיין אין מארק ארײן פארקויפן אירע עפעלעך. גייענדיק צום מארק פארטאג, איז די אלטיטשקע יהודה־לייביכע פארבייגעגאנגען די שול — אונדזער גרויסע שול האט געהאט א שם אז אין איר איז ניט שטיל דורך די נעכט, האט זיך די אלטיטשקע דערשראקן און אנגעהויבן שרייען ביז זי איז געפאלן אין חלשות; ווען מהאט זי אפגעמינטערט האט זי געהאט צו דערציילן: אז זי האט אויסגעוואנדערט די גאנצע שטאט מיטן פייער־טאפ אין די הענט, און אז ניט אליין איז זי געגאנגען, עמעצער עפעס א ניט גוטער האט זי ארומגעפירט ביז ער האט זי געבראכט צו דער גרויסער שול און דא האט זי געמאכט די געוואלדן ביז זי איז געפאלן אין חלשות. פון דאמאלס אן האט זי געקראגן דעם צונאמען יהודה־לייבעכע מיטן פייער־טאפ.

גאָספּאָדין האָפמאַן

אין ראַדעמישלע, ווי אין פילע אַנדערע שטעט, האָט זיך געפונען אַן אַפּטיילונג פון דאָקטוירים און אַ פיינע אידישע אַפּטייק. דער אייגנטימער פון דער אַפּטייק איז געווען, ווי מ׳פלעגט אים רופן, גאָספּאָדין האָפמאַן. אויפן אויסזען האָט מען אפילו ניט געקענט זאָגן אויף דעם גאָספּאָדין האָפמאַן, אַז ער איז אַ איד; זיין גאַנצער פּאַרנעם איז געווען ניט אידיש; זיין פּנים איז געווען פוכקע אָנגעבלאָזן פון וועלכן ס׳האָבן אַרויס־געקוקט צוויי שוואַרצע גוטע אויגן באַברילט מיט שיינע פּענסנע אויף אַ שוואַרצן שנירל. זיין שטימע איז געווען אַן איינגענעמע און גערעדט האָט ער געציילטע ווערטער. זיין שוואַכקייט איז געווען צו לייענען שלום עליכמס ווערק.

איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט, וואַרשיינליך צוליב דער גרויסער ביבליאָטעק וואָס ער האָט פאַרמאָגט, ער האָט מיך מקרב געווען און תמיד מיך באַדויערט וואָס אין די יאָרן בין איך שוין אַ מאַמע פון פיר קינדער און דאַרף אַזוי שווער אַרבעטן. ער פלעגט מיך אַלעמאָל איינלאַדן אין זיין הויז וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט דער אַפּטייק, און האָט געהייסן דער דינסט צושטעלן טיי. זיין פרוי וואָס איז געווען גיכער ענלעך אויף זיין שוועסטער איז אויך געווען אַזאַ גוטמוטיקע און פריינדלעכע. איר האָט ניט געאַרט וואָס איר מאַן פאַרנעמט זיך אינמיטן ביי טאָג מיט געסט, ווייל דער גאָספּאָדין האָפמאַן, ווי געזאָגט, האָט ליב געהאַט צו פאַר־לייענען און איך בין געווען זיין פּובליקום — געקומען בין איך נעמען אַ בוך, אָבער דער גאָספּאָדין האָפמאַן האָט אַלעמאָל אויסגע־נוצט די געלעגנהייט, באַזעצט זיין פרוי אויבנאָן, מיך אַנטקעגן אים, — אַ מין אידיליע, און דאָס לייענען האָט זיך אָנגעפאַנגען. די דינסט האָט דערלאַנגט די טיי. קיינער האָט אָבער די טיי ניט

געטרונקען, ווייל אַז גאָספּאָדין האָפּמאַן האָט פאַרגעלייענט, האָט געמורמלט זיין פולשטענדיק שטיל. האָפמאַן האָט זייער שיין געלייענט שלום עליכמען און לאַכן קען איך דאָך, איז קיין פראַגע ניט אַז מיר האָבן אַלע זייער שטאַרק הנאה געהאַט; מאַדאַם האָפּמאַן האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון איר אומעט, האָפּמאַן פלעג בלויז שמייכלען, און איך פלעג האַרציק לאַכן אויפן קול. עס פלעגן אָבער זיין טעג ווען מיר האָט זיך ניט געוואָלט לאַכן און ניט געוואָלט פאַרברייגגען אין געזעלשאַפט, איך האָב געוואָלט נעמען אַ בוך און שוין אַוועק־גיין, און אַז דער הער האָפּמאַן האָט מיך דעמאָלט איינגעלאַדן אין הויז אויף צו מאַכן די פאַרלייענונג איז מיר זייער שווער געווען אים אָפּצוזאָגן און איך פלעג דאָרטן זיצן אין געהאַקטע ווינדן. דער הער האָפּמאַן פלעגט דאָס געווינלעך צושרייבן צו זיין ניט־גוט פאַרלייענען כאָטש איך פלעג אים טויזנט מאָל פאַרזיכערן אַז זיין לייענען איז זייער אינטערעסאַנט און פראַכטפול, נאָר מיין געמיט איז גראָדע אַצינד אַ שלעכטער. און אַז איך האָב אים שוין באַרואיקט פלעג ער פאַרמאַכן דאָס בוך און נעמען מיך אויספרעגן וואָס עס שרייבט מיר מיין מאַן פון אַמעריקע, ווי אַזוי איך דערצי מיינע קינדער און בכלל ווי מיר לעבט זיך אָן אַ מאַן.

באַ די בעסעדעס איז אַלעמאָל געווען מאַדאַם האָפּמאַן מיט אַן אַרבעט אין האַנט און צוגעהערט זיך, וואָס איר גוטער און קלוגער מאַן רעדט און קיינמאָל אַליין ניט גענומען קיין אַנטייל אין אונדזערע געשפּרעכן; האָפּמאַן איז געווען פון יענע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט עפּעס דערגרייכן אין זייער לעבן, עס האָט זיך אים אָבער קיין זאַך ניט איינגעגעבן, און ער איז געבליבן שטעקן אין אונדזער שטאָט מיט דער אַפּטייק. אין דער אַפּטייק האָט ער געהאַלטן זיינעם אַ קרוב, מאיר האָט מען אים גערופן, האָט דער מאיר פאַרנומען דאָס אָרט פון אַ דאָקטאָר. אַלע האָבן אים ליב געהאַט און אַלעמען האָט ער געגעבן רפואות צו די פאַרשיידנסטע חולאתן, אָבער זיך אַליין מאַכן אַ רעצעפּט אויף צו פאַרהיילן די פּרישטשעס אויף זיין פּנים, האָט ער קיין צייט ניט געהאַט. זיינען די פּרישטשעס געוואָקסן אַזוי גרויס ווי די אַרבעס, אַז עס פלעגט זיך איבערקערן די גאַל קוקנדיק אויפן

פנים פון דעם פיינסטן פראָוויזאָר אין שטאָט, וואָס האָט געשריבן אויף די ענגלישע אַדרעסן קיין אַמעריקע.

האָפמאַן האָט אויך געהאַט צוויי קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכ־טער. דער זון איז געווען הויך און דאַר, פלעגט די שטאָט זאָגן אויף אים, אַז ער איז הויך און דאַר און שטיקט מיט נאַר. צוליב דעם שיינעם זון האָט זיך קיינמאָל קיין דינסט ניט געהאַלטן — אַ גליק נאָך וואָס ער איז זייער זעלטן געווען אין דר׳היים — ער האָט זיך מערסטנס געפונען אין קיעוו. די טאָכטער איז אויך ניט געווען קיין געראָטענע. געבאָרן געוואָרן איז זי אַ קרומע אויף איין פוס און איר פנים איז געווען אַזוי פוכקע אָנגעבלאָזן ווי באַם טאַטן. אויך זי איז געווען אין קיעוו אויף קורסן. דער־פאַר זיינען טאַטע־מאַמע געווען צופרידן פון מיינע וויזיטן, וואָס פלעגן שטענדיק זיין בייטאָג.

אין די אָוונטן פלעגט באַ דעם גאָספּאָדין האָפמאַן אין הויז זיין חי־געלעבט. די שטאָטישע אינטעליגענציע האָט דאָרטן גע־שפּילט פרעפעראַנס אויף וואָס די וועלט שטייט, און פאַר זיי האָט האָפמאַן זיין טאַלאַנט אויף פאָרלייענען שלום עליכמען ניט געקענט באַווייזן.

אונזערע דאָקטוירים

צווישן די דאָקטוירים איז באַ אונדז אין שטאָט געווען דאָקטאָר צווייפל, אַ זון פון דעם גרויסן משכיל אליעזר צווייפל. דער דאָקטאָר איז אָבער געווען אַן אַסימילאַטאָר — זיין אייגענער פאָטער האָט אים באַשריבן. זיין פרוי איז געווען דעם קאַזיאָנער ראַבינערס טאָכטער און זיי האָבן געפירט אינ־גאַנצן אַ קריסטלעך לעבן. זיי זיינען ניט געווען פריינטלעך צו אידן. דער דאָקטאָר צווייפל איז אָבער געווען זייער גוט אַלס דאָקטאָר און אידן פלעגן אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ מומחה און ניט קיין פּיאַווקע.

עס איז אויך געווען באַ אונדז אַ קריסטלעכער דאָקטאָר לע־בינסקע, וואָס זיין פּראַקטיקע איז געווען זייער גרויס צווישן אידן; זיין פּאַלאַץ האָט געשמט איבערן געגנט. דינסטן, דינער און פערד, אַלץ איז געווען באַ דעם דאָקטאָר לעבינסקע. זיינע צוויי טעכ־טער האָבן זיך דערצויגן אין פּאַריז — זיי פלעגן בלויז קומען אויף וואַקאַציע אין די זומערדיקע חדשים מיט קיינעם פלעגן זיי זיך ניט באַגעגענען; גאַנצע לעגענדעס פלעגן אַרומגיין וועגן דער פאַמיליע לעבינסקע: אין זייער פּאַלאַץ האָבן קיין לאָמפּן ניט געברענט, באַ דער נאַכט האָבן די הינט זיך געלאָזט הערן פון דעם גרויסן גאָרטן, וואָס אַ פּאַרקאַן ווי פון אַ תפיסה האָבן אים אַרומגעצוימט. מענטשן האָבן ליב געהאַט צו דערציילן זאַכן, וואָס זיי האָבן מסתם אויסגעטראַכט. לעבינסקען האָב איך פּער־זענלעך געזען איין מאָל אין מיין לעבן, ווען איך בין געווען קראַנק. מיין קראַנקשאַפט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב זיך איינגערעדט אַז איך האָב שווינדזיכט. און אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט געזען אַלע דאָקטוירים אין שטאָט, האָב איך באַשלאָסן צו זען דעם דאָקטאָר לעבינסקע.

דער דאָקטאָר לעבינסקע האָט מיך אויפגענומען, אָבער אָנ־שטאָט מיך אויספרעגן וועגן מיין קרענק, פרעגט ער גאָר צי איך האָב ליב מיין מאַן און זיך אינטערעסירט מיט מיין טאָג־טעגלעכן לעבן און געקומען צום שלוס, אַז מיר איז גאָרניט — אינגאַנצן געזונט און שטאַרק! האָב ליב דיין קינד, זאָגט ער מיר, טראַכט ווינציקער פון דיר און מערער פון דער וועלט, וועסטו זיין געזונט — די וועלט איז קראַנקער פון דיר. זייער גוטמוטיק האָט ער מיך אַרויסבאַגלייט און אָנגעזאָגט צו געדענקען, אַז דאָס בעסטע פאַרן מענטשן איז זיך ניט ערגערן און דער מענטש וויל זיך דווקא יאָ ערגערן, איז בעסער פאַר אים צו שטאַרבן. קיין ניסים האָב איך פון מיין זיין באַם דאָקטאָר ניט דערציילט, אָבער געזונטער בין איך געוואָרן.

ל י י צ י ק

ווען לייציק האָט אָפּגעקינדלט און ווען זי האָט אירע קינדער געהאַט, האָט קיינער אין ראדעמישלע נישט געוואוסט. אַלע האָבן אָבער געזען, אַז לייציק האָט קינדער און אַז זיי זיינען אַלע געראָטן אין דער מאַמע, אַלע ספּריטנע, רי־רעוודיקע.

לייציק האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע באַקאַליי־קראָם. אין קראָם איז געווען מכל המינים: האָניק, מעל, צוקער, גרויפּן, הערינג, טאַראַנקעס, געטריקנטע און געזאַלצענע פיש, אַלערליי געווירצן. אָנגעשטאָפּטע פּעסער, אויסגעמישט און צעוואָרפן, האָבן פאַרנו־מען אַ האַלבן טראָטואַר און לייציק, אַ פּיצעלע אין וואוקס, דרייט זיך אַרום אָנגעפּעלצט מיט אַסך קליידער און, ווי אַ פעלד־מאַר־שאַל, האַלט זי אַן אויג אויפן גאַנצן פאַרמעגן. איר מאַן איז געווען אַ לערנער, איז ער געזעסן גאַנצע טעג אין בית המדרש און גע־לערנט, גערופן האָט מען אים פּיניע לייציקס, און די קינדער אויך אויף איר נאָמען.

באַ לייציקן האָבן מיר געקויפט האָניק צו באַקן לעקעך, איז מיר דערפאַר אויסגעקומען טאָג־טעגלעך זי צו זען אין איר שווע־רער האָרעוואַניע. אירע קינדער, סיי די זין סיי די טעכטער, האָבן איר אַרויסגעהאָלפן. עס איז געווען קאָפּעלע, אַזוי ווי אַ וויזעלע, שוואַרץ־געקרייזלטע האָר, און אַ רירעוודיקייט אין פּנים פּונקט ווי באַ דער מאַמען; און ניסעלע, אויך אַ זשוואַווע איב־געלע. פון די מיידלעך לאָזט זיך געדענקען פעסעלע און ראַלקע. פעסעלע איז געווען אַ געפּוצטע, אַ פאַרחלומטע שיינהייט און ראַלקע איז אפילו געווען געראָטן אין טאַטן, אָבער אַזוי האָרע־פּאַשנע ווי די מאַמע. די אַנדערע קינדער זיינען אויך פאַרשוואַרצט געוואָרן אין דער קראָם.

מיין מאַמע פלעגט זייער רחמנות האָבן אויף לייציקן. זי האָט

אַלעמאָל געזאָגט, אַז לייציק האָט איר מזל, דער חילוק צווישן איר און לייציקן איז געווען בלויז אין דעם, וואָס די מאַמע מײַנע האָט תמיד געבאָרגט פון לייציקן און דערפאַר געלעבט אויף דער וועלט און לייציק, האָבנדיק אַלץ, האָט פון קיין לעבן נעבעך קיינמאָל ניט געוואוסט.

מיט פעסעלען, לייציקס טאָכטער, האָט פּאַסירט אַ קליינ־שטעטלדיקע טראַגעדיע. זי האָט מסתמא שטילערהייד ליב גע־האָט אַ בחור פון ניט קיין יחוסדיקער משפּחה. טאַטע־מאַמע האָבן ניט געוואוסט, אָדער ניט געוואָלט וויסן דערפון און פעסעלען פאַרשלייערט מיט אַ חתן פון אַ דערבייאיקן שטעטל. דער חתן איז געוועזן אַ גראָדע געווען א וואוילער און שיינער בחור, פעסעלע האָט אים אָבער ניט געוואָלט און לייציק האָט זיך מיט איר ניט־וועלן ניט גערעכנט און איר חתונה געמאַכט. מיין מאַמע איז געווען אַ לע־בעדיקער עדות, ווייל זי איז געווען די סאַרווערן אויף דער חתונה, אַז פעסעלע האָט זיך געבעטן, פאַר דער חופּה, מיט טרערן אין די אויגן, אַז זי וויל ניט דעם חתן. קיינער האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט צו איר געוויין און זי צו דער חופּה געפירט.

וואָס צווישן דעם פּאָרפּאָלק איז פאָרגעקומען נאָך דער חתונה ווייסט קיינער ניט — פעסעלעס מאַן איז אָבער אַרונטער פון זינען און פעסעלע אַליין איז פון האַרצווייטיק געשטאָרבן.

לייציקן פלעגט די שטאָט באַדויערן: זעט, זי ווייגט גאָרניט, איר אַרט גאָרניט! אַזוי פלעגט די שטאָט זאָגן. לייציקן האָט אָבער יאָ געאַרט און זי האָט דווקא יאָ געוויינט — דאָס האָט זי געטאָן פאַר מיין מאַמען.

לייציקס זון, קאָפּעלע, איז אַוועק קיין אַמעריקע. די אַנדערע קינדער ווערן פאַרשוואַרצט אין קראָם און דער מאַן לערנט נאָך אַלץ אין בית המדרש, און אַזוי טאָפּטשעט זי זיך אַרום אין קראָם ביז עס קומט אָן די רעוואָלוציע. דעמאָלט ווערט ערשט לייציק אויפגעלייזט פון איר האָרעוואַניע.

אָרעמע לייציק! איר האָט גאָרניט געפעלט, זי האָט געהאַט אַ שיינע שטוב, געלט, געננוג פון אַלץ, אָבער קיין הנאה דערפון האָט זי סייווי ניט געהאַט און במילא האָט לייציק קיין סך נישט פאַרלוירן.

די דריי בעקערינס

איך דערמאָן כסדר, אַז מיין מאַמע איז געווען אַ לעקעד־בעקערין און איך וואָלט באַגאַנגען אַ געוואַלדיקע עוולה אַנטקעגן די אַנדערע צוויי בעקערינס, וואָס האָבן אויך געבאַקן לעקעד און זייער מזל איז געווען נאָך אַן ערגערער ווי מיין מאַמעס. די אַנדערע צוויי בעקערינס האָט מען גערופן: גאָלדע די בעקערין און אסתר חנה די בעקערין. אַלע דריי בעקערינס פלעגן יעדן פרייטיק זיך אויסשטעלן מיט די טישלעך, אויסלייגן דעם לעקעד און וואַרטן אויף קונים. מיין מאַמעס לעקעד האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט, פלעגן אַלע ווען קויפן באַ רבקהן, דאָס הייסט ביי מיין מאַמען, און ביז רבקה האָט ניט אויספאַרקויפט איר לעקעד פלעגן די אַנדערע צוויי, דאָס מיין איך גאָלדען און אסתר חנהן, שטיין באַ זייערע געשטעלן און געוואַרט. מיין מאַמען האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר די אַנדערע בעקערינס. קומענדיק אַהיים פרייטיק צו ליכט־בענטשן, אַן איבערגעפרוירענע אין ווינטער, אַ פאַרברענטע אין זומער, פלעגט זי רק קרעכצן און דערציילן מיט רחמנות, אַז היינט איז געווען אַ שלעכטער טאָג. און אַז איך פלעג זיך נאָכפרעגן, וואָס איז מאַמע, האָסט ניט געלייזט? איז איר ענטפער אַלעמאָל געווען מיט אַ ביטערן שמייכל: ניט אין מיין לייזעכץ גייט עס מיר, מיין קינד, זיי האָבן היינט ניט געלייזט! און זייער לעקעד איז פונקט אַזוי גוט ווי מיינער, און אפשר נאָך בעסער פון מיינעם, ווארום זיי האַלטן זיך אין איין פלייסן, אַז עס זאָל ביי זיי זיין געראָטענער. אסתר חנהס לעקעד איז היינט געווען אַזוי ווי פוך, און דער טעם איז זיך פשוט צעגאַנגען אין אַלע אברים. גאָלדעס לעקעד האָט פאַרשמעקט דעם מאַרק און די מענטשן, פונקט ווי עמעצער וואָלט זיי אָנגערעדט, שטופן זיך נאָר צו מיין טישל. וואָס איך בעט זיך באַ זיי, שטופט זיך ניט אַזוי, אָט איז דאָך פאַראַן נאָך לעקעך, איך בין דאָך ניט

איינע אויפן יאַריד, טענהן זיי, וואָס ווייסט איר, רבקה, מיין מאַן פילט שוין אין טעם אַז איך קויף ערגעץ אַנדערש. נאַרישע בהמות וואָס זיי זיינען, די גוטע יאָרן אויף מיר אויף וויפיל זייער לעקעך איז בעסער פון מייגעם — זאָגט מיין מאַמע מיט אַ זיפץ און הויבט זיך אָן גרייטן צו ליכט־בענטשן.

איין פרייטיק קומט מיין מאַמע אַ פריילעכע. באַלד נאָך ליכט־בענטשן הויבט זי אָן שטאַרק לאַכן און איך, אויף איר קוקנדיק, לאַך שוין אויך. איך פרעג, מאַמע וואָס לאַכסטו? דערציייל מיר מאַמע פון וואָס דו לאַכסט. נאָכדעם ווי מיין מאַמע האָט זיך שוין באַרואיקט, פרעגט זי מיך, דו קענסט רחל סאַסטיפּאַליץ? מען רופט זי סאַסטיפּאַלעץ, ווייל איר מאַן האָט אויף איין האַנט זעקס פינגער. וואָס פאַר אַ פראַגע צי איך קען רחלן, איר מאַן איז דאָך אויך אין אַמעריקע, פאַרוואָס זאָל איך רחלן ניט קענען. נו, זאָגט מיר מיין מאַמע, אסתר חנה האָט שוין געקראָגן אַ קרבן. און זי דערציילט מיר פון רחלען, וואָס איר מאַן איז אין אַמעריקע און זי איבערגעלאָזט מיט עטלעכע קינדער. תחילת האָט זי זיך זייער געמוטשעט, אָבער איצט האָט איר דער מאַן צוגעשיקט אַסך געלט. האָט זיך אסתר חנה די בעקערין דערוואוסט דערפון, און זיך דערביוועט צו רחלען, זי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און געמאַכט מיט איר שותפות און דו וועסט זען, וואָס פון דער רחלען בעבעך וועט זיך אויסלאָזן! פרעג איך מיין מאַמען, טאָ וואָס איז דאָ פאַראַן פון וואָס צו לאַכן? און מיין מאַמע דער־ציילט ווייטער: אסתר חנה האָט שוין היינט געבאַקן ניט נאָר לעקעך נאָר קיכלעך אויך, און אויסגעלייגט האָט זי איר טיש זייער שיין מיט פרייזן האַלב אומזיסט, ווייל וואָס האָט זי דערביי צו דערלייגן, עס איז דאָך ניט איר געלט.

די אומגליקלעכע רחל האָט גענומען אירע קינדער און גע־קומען אין מאַרק צו היטן אסתר חנהן און צו האַלטן דאָס געלט, וואָס מ'וועט אַריינלייזן. האָט זי טאַקע דאָס געלט צוגעהאַלטן די גאַנצע צייט און אין דערזעלבער צייט אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, געהאָדעוועט זיי מיט לעקעך, קיכלעך און שוואַרצע יאַ־גערעס. די קינדער האָבן זיך פאַרמאַדזשעט און רחל האָט שטייענ־

דיק געהאַלטן מיט איין האַנט די טאָרבעלע מיטן דעם געלט און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי שטענדיק געווישט די נעזעלעך באַ די קינדער, ביז אסתּר חנה האָט אָנגעהויבן צושטיין צו איר און זאָגן: רחל, געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זיין, גייט אַהיים מיט די קינדער, גלויבט מיר אַז איך וועל מיט דעם געלט ניט אַנטלויפן קיין אַמעריקע. רחל האָט קיין ברירה ניט, גיט זי איר איבער דאָס טאָרבעלע מיטן געלט, נעמט אירע קינדערלעך און לאָזט זיך אויפן וועג אַהיים. שטעלט זי אָפּ גאָלדע די בעקערין און פרעגט באַ איר, צי זי האָט זיך צעשריבן מיט אסתּר חנהן, ווייל אסתּר חנה איז אַ גרויסע שווינדלערין — איר ווייסט דאָך אַז זי זאָגט בלויז אָדין סלאָווע. וואָס ווייטער איז געווען, פאַרשפּאָרט מיר שוין די מאַמע צו דערציילן, מ׳קען זיך שוין פאָרשטעלן, אַז מיטן „איינעם וואָרט״ וועט זי אויסנאַרן באַ רחלען דאָס געלט און איך האָב געהאַלפן מיין מאַמען מיטלאַכן.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט טאַקע אסתּר חנה צוגענומען דאָס ביסל געלט באַ רחלען און זי משלח געווען. אסתּר חנה איז אָבער קיין שווינדלערין ניט געווען. דאָס האָט דער דלות איר געצוואונגען אויסנאַרן דאָס געלט פון רחלען. זי האָט געמיינט אַז זי וועט פאַרדינען און דערמיט זיך פאַרזיכערן מיטן שטיקל ברויט פאַר אירע קינדער, ווארום איר מאַן האָט גאָרניט פאַרדינט, ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש, און לעבן האָט מען דאָך געדאַרפט, האָט מען שטענדיק געטראַכט וואו צו קריגן אַ גמילות חסד, און אַז גאָט פלעגט צושיקן אַזאַ ווי רחל, וואָס האָט זיך געלאָזט אַריינגאַרן אין זאַק, איז געוואָרן פריילעך און די שטאָט האָט געהאַט פון וואָס צו לאַכן!

אָרימע רחל! ווער עס האָט זי ניט געזען שטיין מיט אירע קינדער אינמיטן מאַרק, דערציילנדיק אירע קריוודעס צו אסתּר חנהן, וועלכע האָט איר איינגערעדט צו ווערן שותּפות צו איר טישל אין מאַרק און ווי אַזוי זי האָט באַ איר צוגענומען דאָס געלט, דער האָט קיין טרויעריקער בילד אין זיין לעבן ניט געזען; אַ מאַמע האָט זיך געוואָלט אויסגלייכן אירע ביינער פאַר אַלע שלעכטע און הונגער־יאָרן, האָט זיך איר פאַרגלוסט צו האַנדלען

מיט זיסע זאַכן! דער מאַן אין אַמעריקע האָרעוועט און ווערט פאַרשוואַרצט און איר גלוסט זיך גאָר זיסע זאַכן! אַזוי שטייען רעדלעך איבגמיטן מאַרק און באַדויערן, ביט רחלען מיט אירע קינדער, נאָר איר מאַן אין אַמעריקע.

אויף אַמעריקע האָט מען דאַן געקוקט ווי אויפן דערלייזער: ערשטנס אַז עס איז אָנגעקומען אַ דאָלער איז דאָס באַ אונדז געווען צוויי רובל; צווייטנס זיינען די פרויען פון די אַמעריקאַנער מענער געוואָרן זייער חשוב אין שטאָט, אַלץ צוליב דעם, טאָמער וועט געלינגען באַ זיי עפעס צו לייען. און רחל איז אין דעם פרט בלויז אַ ביישפּיל, ווייל באַ אַלע פרויען וואָס האָבן געהאַט זייערע מענער אין אַמעריקע, האָבן אידן געליהען געלט און געטראַכט אודאי אָפּצוגעבן, אָבער זייער זעלטן זיינען זייערע גוטע וואונטשן מקוים געוואָרן, ווייל לייען איז געווען גרינג און אָפּגעבן איז ניט געווען פונוואַנען.

אַזוי פלעגן זיך ציען ענדלאָזע טעג און וואָכן. מיין מאַמע און איך האָבן ליב געהאַט רעדן פון די גרויע טעג און פון צייט צו צייט, מיר צוליב, מאַכן יום טוב אינדערוואָכן, אויסוואַשן דעם דיל, פאַרשפּרייטן דעם טיש מיטן ווייסן טישטוך, די קינדערלעך אויספּוצן, אַזוי אַז די קעלער־שטוב האָט געלויכטן. און אַז עמעצער איז געקומען האָט מען אונדז מקנא געווען, וואָס אונדז איז אַזוי גוט אין וואָכנדיקע טעג. מיינע איינפאַלן זיינען מיין מאַמען ניט אַלעמאָל געווען צום האַרצן, ווארום מיין מאַן האָט קיין סך געלט ניט געשיקט פון אַמעריקע און דאָס לעצטע יאָר פון דער מלחמה איז אַמעריקע אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן; מיר זיינען געווען זעקס נפשות, איבערהויפּט פיר קליינע קינדער — מיין מאַמע האָט ליב געהאַט מיך אויפקלערן און דערמאָנען, אַז איך בין אַ מאַמע פון פיר קליינע קינדער, און אַז איך האָב מיט געלעכטער געזאָגט: מאַמע, אפשר זיינען זיי דיינע? און פלעג צורופן איציקלען און אים געפרעגט: איציקל טאַטע, ווער האָט דיך געהאַט? איז עס געווען מיט אַלע חנען, ווי דאָס קינד האָט אָנגעוויזן אויף דער באָבען. יאָ, די קינדער מיינע האָבן

אונדז אַריינגעבראַכט אַסך פרייד. שפּילעוודיק און לייכט האָב איך זיך געפילט מיט מיינע קינדער. מיין לעבן האָט געהאַט אַ זינען, ווייל איך האָב געוואָלט זיין דער ביישפּיל ווי אַזוי צו האָ־ דעווען קינדער אַז זיי זאָלן זיין געזונט. ניין, קיין ביישפּיל בין איך ניט געוועזן, זיי האָבן עס אפילו אין שטאָט ניט באַמערקט, אַחוץ וואָס פרויען האָבן געזאָגט, אַז מיין מאַמע מאַכט מיך פאַר אַ בריה. בכלל איז אונדזער שטאָט געווען אין אַ צושטאַנד וואו ליבע און פריינדשאַפט איז געווען אַ זעלטענער גאַסט, מ׳פלעגט שטופּן די צייט און וואַרטן, אַז די מלחמה וועט ברענגען די ישועה און די מלחמה האָט דערווייל אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט.

ראדעמישלע און די רעוואָלוציע אין 1917

דעם 12טן מערץ, 1917, האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע . . . דער נס, אויף וועלכן מ'האָט געוואַרט, אַז די מלחמה וועט ברענגען, איז געקומען. עס איז געפאַלן די צאַרישע דינאַסטיע און עס הויבן זיך אָן באַווייזן סימנים פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע.

די ידיעה אַז די דינאַסטיע איז געפאַלן, איז אָנגעקומען אין אונדזער שטעטל מט אַ טאָג שפּעטער. אַלע זיינען געווען פאַר־גאַפט פון דער נייעס; ווי אַזוי וועט מען קענען לעבן אָן אַ קייסער? איין איד איז פשוט אַראָפּ פון זינען! ווי אַזוי וועט ער קענען אויסקומען אָן דעם קייסער אין שול באַם דאַווענען, וואו מ'האָט אים מיט דער גאַנצע פאַמיליע אָפּגעגעבן אַ ספּעציעלע תפילה? דאָס גאַנצע שטעטל, אידן און גוים, גייען אַרום ווי פּריטשמעליעטע; אַלע ווילן וויסן, אַלע ווילן טרעפן, איינער שרייט אַריבער דעם צווייטן; אַ איד מיטן נאָמען עליע פּעמפּיק, אַ רירעוודיק אידל, וואָס בשעת ער רעדט מאַכט ער אַזעלכע משונהדיקע גרימאַסן, קאָכט זיך און שרייט — זיין השערה איז, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן; אַז די גאַנצע מעשה לייגט זיך גאָרניט אויפן שכל און ס'הויבט זיך גאָרניט אָן; אידן, שרייט ער, גייט אַהיים עסן וועטשערע און לייגט זיך רואיק שלאָפן; פאָלגט מיך און איר וועט זען, אַז די גאַנצע מעשה האָבן גאָר די „ציצילִיסטן" אויסגעטראַכט און מ'וועט זיי באַלד אָנהויבן צו דערציילן די מעשה. אידן שאָקלען מיט די קעפּ, אָבער אַהיים גיין וויל קיינער נישט. עס ווילט זיך דווקא זיין וואַך און הערן נייעס.

די גאָראָדאָוואָיעס דרייען זיך אַרום אויף די גאַסן; ווייסן

זיי עפּעס? איז טאַקע אמת, אַז ס'איז שוין מער ניטאָ קיין קיי־סער? וואָס וועלן די גאַראַדאָוואָיעס טאָן זונטיק, ווען די קראָ־מען דאַרפן זיין פאַרמאַכט און זיי זיינען דוקא אָפן, ווייל די גאָ־ראָדאָוואָיעס קריגן כאַבאַר? פּלוצים דערהערט זיך אַ פייפן און אַלע לויפן צום מאַרק. אינמיטן דעם אָנגעלאָפענעם עולם באַ־וויזט זיך דער פּריסטאַוו אָנגעטאָן, ווי דער שטייגער איז, מיט דער גאַנצער פאָרמע און אויף איין אַרבל איז אָנגעטשעפּעט אַ רויטע ליענטע. ער הויבט אויף זיין קול און גיט דעם באַפעל צו דער באַפעלקערונג, אַז מאָרגן אינדערפרי זאָלן זיך אַלע פאַר־זאַמלען אויפן „סאָבאָרנעם פּלאַשטשאַטיק" צו באַגעגענען די גרויסע געסט, וואָס קומען אָן פון קיעוו. זיי וועלן דערציילן פון דער גרוי־סער איבערקערעניש און וויכטיקע אינסטרוקציעס. אונדזער גרופּע, דער בונד, האָט זיך באַלד פאַרזאַמלט און מיר האָבן באַ־שלאָסן צו זיין אויף דער וואַך. מיר דאַרפן זיין גוט אָרגאַניזירט צו באַגעגענען די נייע מאַכט, וואָס דאַרף אָנקומען מאָרגן אינ־דערפרי. עס האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט די אַנדערע פּאַרטייען: די ס. ס., פּועלי ציון, צעירי ציון און אפילו די כלי קודש.

די גאַנצע נאַכט איז כמעט קיינער ניט געשלאָפן. נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט זיך שוין געררודערט אין די גאַסן. אויפן פּלאַץ אַנטקעגן דעם קלויסטער קלאַפּט מען איצט צונויף אַ גרויסע טריבונע. דאָ וועט מען אויפנעמען די נייע מאַכט. פון אַלע ווינקלען שטראָמען מענטשן צו דער הויפּט־גאַס, וואו עס דאַרפן אָנקומען די גרויסע געסט.

ענדלעך פאַנגט זיך אָן די גרויסע פּראָצעסיע. אין פאָראויס מאַרשירט דער גרויסער אָרקעסטער, וואָס שפּילט אַ באַפרייאונג־מאַרש. דערנאָך קומען די מיליטער־לייט און צווישן זיי אונ־דזערע פירער־רעוואָלוציאָנערן, וואָס דאַרפן רעדן צו דער מאַסע. עס גייען גלחים מיט זייערע הייליקייטן און ברומען זייערע ניגונים. רבנים טראָגן ספרי־תורות, אַזוי ווי ציטערדיקע קינדער, צוגע־טוליעט צו זייערע ייִדענ'ז קאַפּאָטעס און מיט די גרויסע שטריימ־לען. עס מאַרשירט די גאַנצע שטאָט. מאַמעס מיט פּיצעלעך קינ־

דער אויף זייערע הענט, אַלע זײַנען אָנגעטאָן אין די שבתדיקע בגדים. עס מאַרשירן אַלע אידישע פּאַרטייען. מ׳זינגט „התקוה״, די „שבועה״ און רוסיש־רעוואָלוציאָנערע לידער.

דער טאָג איז אַ שיינער, כאָטש עס איז ווינטער. די מאַמע־זון וואַרעמט. אויפן האַרצן איז גרינג און פריילעך, מע הוליעט פאַר פרייד — די באַפרייאונג איז געקומען!

פון דער טריבונע הערן מיר האַרציקע רעדעס. מ׳רופט אונדז שוועסטער און ברידער. דער עולם אַפּלאָדירט דעם רב, דעם גלח און אַלע וואָס ריידן. אַ נייער טאָג, אַ נייע וועלט קומט אויף. מענטש מיט מענטש דערזעט זיך מיט אָפענע אויגן. מיט אָפענע אָרעמס כאַפּט מען זיך אַרום, מ׳פאַלט אויף די העלדזער, מ׳קושט זיך, מ׳ווינטשט זיך אַלדאָס גוטס.

דער יום טוב איז שוין פאַראיבער, עס הייבט אָן צופאַלן די נאַכט, אַלע שפּאַצירן גוטמוטיק אַהיים. די פּאָליציי, וואָס רופט זיך שוין איצט מיליציע און טראָגט רויטע בענדלעך, דרייט זיך איצט צווישן עולם אָן אַ שטאָך אַרבעט. מאַרצינקא מיט דער גרויסער, קאַרנאָסער נאָז, מיט די שטיפלען אין פּנים, וואָס קוקן אַרויס ווי גריבער, אויגן ווי שפּיזן און וואָנצעס ווי צוויי גרויסע פלעדערווישן, וואָס אויפן ערשטן בליק מיינט איר אַז דאָס איז גאָר אַ חיה, טראָגט אויך אַ בענדל און שמייכלט צו יעדן איינעם — ווייל זיין אייגענע לאַגע האָט ער אויך ניט געקענט פאַרשטיין. בלויז דער פּריסטאַוו און די איבעריקע העכערע בעאַמטע גייען אַרום דערשלאָגן. זיי וואַרטן אַלע אויף ווייטערדיקע באַפעלן; דערווייל דרייט מען זיך אַרום אויף גאַס וועלט מיט די רויטע ליענטעס און מ׳גיט יעדן אַפּ דעם גוט־מאָרגן.

אונדזערע אידן האָבן זיך אויך ניט געפילט זייער באַקוועם. די בייטש, וואָס האָט געשמיסן אַזויפיל יאָרן, האָט עפּעס ווי אויס־געפעלט. עפּעס האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דער פרייהייט, וואָס מ׳האָט ערשט געקראָגן, גייט מען אַרום דערשראָקן.

אונדזער גרופּע פון בונד האָט באַלד אָנגהויבן אַרבעטן. מיר

האָבן פאַררופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין דעם שטאָט־טעאַטער. צו אונדז איז געקומען באַריס קאָן און באַריס קאַגאַנאָווסקי, ביידע גוטע אָנפירער און צוזאַמען מיט אַלע חברים, וואָס פלעגן דאָ אָנפירן די אַרבעט אין דער שטיל, האָבן איצט מיט געהויבענע קעפּ אויפגענומען די באַפרייאונג. אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנדערע פּאַרטייען זיינען צוגעשטאַנען; אַלע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אַז די פאַרזאַמלונג זאָל זיין אַ דערפאָלג.

דער גרויסער טעאַטער איז איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. פון דער בינע שפּילט אַ גרויסער אָרקעסטער דעם אינטערנאַציאָנאַל און עס הערשט אַ גרויסע באַגייסטערונג. אַלע רעדנער מאַכן אַ פּוראָר; מען רופט מיך אַרויס צום וואָרט. איך וויל נישט אויפטרעטן ווייל איך בין ניט צוגעגרייט, עס העלפט אָבער ניט מיין ווערן־זיך, כמעט מיט געוואַלט שטופּט מען מיך אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע!

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס איך בין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אַזאַ גרויסער מאַסע; איך ווייס אַז אַלע שטאָט־לייט קענען מיך און איך קען זיי, בלייב איך שטיין ווי אַ צע־טומלטע אויף עטלעכע מינוט און איך הויב אָן רעדן. איך רעד וועגן אונדזער לעבן וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ פינצטערער חלום, אַ לעבן פון דחקות און נויט. איך שילדער די לאַגע פון אונדזער פּרויענשאַפט, ווי זיי האָבן פאַרקויפט זייערע בריסטן פאַר קינדער פון די רייכע און געלאָזט זייערע אייגענע קינדער אומקומען פון אויסצערונג. איך זאָל דונערט מיט אַפּלאַדיסמענטן, די פרויען קושן מיך, זיי וויינען פאַר פרייד און בענטשן די באַ־פרייאונג.

יענע צייט איז געווען אַ פיבערדיקע. מ׳גרייט זיך דערווייל צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. יעדע פּאַרטיי אַרבעט צו שיקן אירע פאָרשטייער. די ס. ס. האָט זיך געוואָלט פאַראייניקן מיטן בונד, מיט דעם תנאי, אַז זייערע קאַנדידאַטן זאָלן זיין אויפן ערשטן צעטל, דאָס האָט אָבער דער בונד ניט געוואָלט נאָכגעבן. גייט מען באַזונדער. מ׳טומלט זיך אָפּ מיט די וואַלן, וואָס זיינען געווען

ניט מער ווי אַ פּאָליטישע קאָמעדיע, ווייל די קולאַקן זיינען דאָך
געווען אין דער מערהייט, און ווער ס'האָט געהאַט די מערסטע
פאַרטרעטער האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט די גאַנצע דעה, האָבן
מיר דאָך סייווי ניט געהאַט וואָס צו געווינען.

פונם צענטער קומט אָן די ידיעה, אַז דער באָלשעוויזם, מיטן
גרויסן פירער לענין בראש, שפּרייזט מיט שנעלע טריט, און
האָט אַלע מעגלעכקייטן צו געווינען. האָט אונדזער בונדישע גרופּע
באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן זיך אויפלייזן און אַריינגיין אין דער קאָ־
מוניסטישער פּאַרטיי; אַנשטאָט צו פאָדערן פאַר זיך קולטורעלע
אויטאָנאָמיע קענען מיר דאָך אַרבעטן פאַר דער באַפרייאונג פון
דער גאַנצער מענטשהייט. מיר לייזן זיך אויף און מיר וואַרפן
זיך אַריין מיט לייב און לעבן פאַרן קאָמוניזם. מיר טוען אונ־
דזער אַרבעט אין געהיים, ווייל די פּאַרטיי איז נאָך דערווייל ניט
געווען אָנערקענט.

דעם 17טן נאָוועמבער, 1917, האָט די רוסישע רעוואָלוציע
אָפּגעהאַלטן אַ זיג און די אַרבעטער מיט לענינען בראש געווינען
די מאַכט. אין מיטן מערץ, 1918, הויבט זיך אָן דער ביר־
גער־קריג, וואָס האַלט אָן ביז 1920. די ערשטע פּאָגראָמען, ווי
געזאָגט, פלעגן פאָרקומען פּלוצים, די צייטווייליקע מאַכט
האָט געמוזט עוואַקואירן. אין דער קלענערער שטאָט איז געווען
אינגאַנצן אַנדערש ווי אין צענטער. אונדזער צענטער איז געווען
קיעוו, קיין באַן איז באַ אונדז אין ראַדעמישלע ניט געווען און
בריוו פלעגן אָנקומען דורך אַ שליח. די אַרבעט האָבן חברים
מיט גרויסער ליבע און פאַרזיכטיקייט אָנגעפירט.

מיין אַרבעט איז געווען צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט די
חברים, וואָס פלעגן קומען צו אונדז אין שטאָט. באַ חבר אשע־
רענקען איז געווען אונדזער „יאַווקע״.

אַלע פּראָוואָראָטן זיינען מיר דורכגעקומען זייער בראַוו און
אָן דורכפאַלן. מיר זיינען באמת געווען גוט אָרגאַניזירט און
זייער איבערגעגעבן דעם אידעאַל און געוואַרט אויפן טאָג ווען

דאָס לאַנד פון פינצטערניש וועט ווערן באַפרייט פון אַלע שונאים. דער אַרבעטער האָט זיין צושטייער געגעבן, אָבער די פּאַרטייען, וואָס האָבן געזוכט דאָס בענקל און די חילוקי דעות ברענגען אַלע צרות דעם פאָלק.

מיינע קינדער זיינען מיט מיר און מיט מיין מאַמען. די מאַמע איז זייער שטאָלץ מיט מיין אַרבעט און זי העלפט מיר אַכטונג געבן אויף די קינדער.

איך בין אַצינד פאַרבונדן מיט דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג פון שטאָט: מאַשע שטיינגאַרט און איר מאַן אברהם זיינען מיינע באַקאַנטסטע פריינט, מאַשע איז אַן אַקושערקע און אברהם איז אַ לערער אין דער שטאָטישער שול; דער דאָקטאָר שפּילבערג און יאנקל אשערענקעס, יאָסל אדעלס, לייבל דער סטאָליער, סאָני און אַנדערע. צוזאַמען זיינען מיר אַ פיינע טיכטיקע גרופּע. עס ווערט געשאַפן אַן אַרבעטער־קלוב, אַ קלאַס פאַר אַנאַלפאַבעטער, וואו סטודענטן לערנען אומזיסט. מיר פאַררופן גרויסע פאַרזאַמלונגען און די אַרבעט ברייטערט זיך אויס. אַט אַזוי האָבן מיר מיט גרויס ליבשאַפט אָנגעפירט אונדזערע אַרבעטן, ביז עס זיינען אָנגעקומען די פינצטערע טעג פון רעאַקציע און שווידערלעכע פּאָגראָמען.

איך גיי כסדר פאַרביי די צייט ווען קערענסקי איז געווען דער יוסטיץ־מיניסטער. זיין צייטווייליקע רעגירונג האָט באַלד אַרויסגעלאָזט געלט מיט זיין נאָמען אויף קליינטשינקע פאַפירלעך מיט גרויסע ציפערן, ממש עס איז דערגאַנגען צו מיליאָנען. אָבער באַלד האָט מען איינגעזען, אַז ניט קערענסקי וועט ברענגען די גאולה. די באָלשעוויסטישע פאַרטיי מיט לענינען בראש גייען דעמאָלט מיט זיכערע טריט. די גרינדונג־פאַרזאַמלונג פאַלט דורך, די אַרבעטער, די פּויערים און די סאָלדאַטן אויפן פראָנט ווילן זיך מער ניט שלאָגן. די אַלע נאַכריכטן קומען צו אונדז אין שטאָט פאַרשפּעטיקטע, אָבער מיר נעמען אַ שטעלונג אין האָבן אַ ליניע.

די פּאָגראָמען אין ראַדעמישלע

עס האָבן זיך אָנגעהויבן קלײבן װאָלקנס. פון טאָג צו טאָג איז געװאָרן ערגער און ערגער. עס װאַקסט דער יקרות און דער אונטערשייד פון אָרים און רײַך װערט בולטער. די ספּעקולאַנטן האָבן אַרײַנגעכאַפּט אַלץ אין זײערע הענט און עס װערט אַ מאַנגל אויף די נױטיקסטע אַרטיקלען. דער גרעסטער טײל פון דער באַפעלקערונג הױבט אָן שרעקלעך צו לײַדן — עס איז ניטאָ אפילו קײן העמד אויפן לײַב און די לײַז האָבן ממש פאַרצוקט. קינדער װערן גרין, געל און געשװאָלן פון הונגער, בעת די ספּעקולאַנטן פוצן זיך אין קראַקולענע מאַנטלען, לעבן אַ גוטן טאָג, װערן ממש צעשמאָלצן פון װאױלטאָג.

אָנשטאָט קאָמוניזם, װי עס זײַנען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז ער קומט אָן, הױבן גאָר אָן צו בושעװען די באַנדיטן פּעטליורא און סאָקאָלאָװסקי; עס באַװײַזן זיך פּויערים מיט זײערע װײַבער און קינדער, און אַזױ װי אױסגעהונגערטע חיות, צערײַסט פון זײערע אָנפירער, װאַרפן זײ זיך אויף דער אידישער באַפעלקערונג און אידיש בלוט הױבט זיך אָן גיסן װי װאַסער.

דרײַ פּאָגראָמען האָט ראַדעמישלע איבערגעלעבט. עס איז מיר זײער שװער צו באַשרײַבן אַלע, װעל איך זיך בלױז אָפּ־שטעלן אויפן לעצטן פּאָגראָם.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָבן אָנגעהאַלטן די גרױסע שחיטות. צוערשט האָבן זײ אױסגעהרגעט די ספּעקולאַנטן, דער־נאָך האָבן זײ זיך גענומען צו דער אומשולדיקער באַפעלקערונג. עס גיסט זיך בלוט אָן רחמנות אויף אַלע גאַסן! צװישן די קרבנות זײַנען געפאַלן דער גרױסער גוטער־איד, רב הושיע עסעלע טװער־סקי און זײַן זון מאָטעלע, בײדע זײַנען אומגעקומען װי קדושים;

עס זיינען דעמאָלט אומגעקומען און אָפּגעווישט געוואָרן גאַנצע משפּחות.

אין יענע טעג בין איך געזעסן באַם פענסטער, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ געדיכטער שאַל, און דורך אַ קליינעם לעכעלע אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. די באַנדיטן האָבן געבושעוועט. מענטשן זיינען געשאָסן געוואָרן און געפאַלן ווי די פייגל. און אַז די באַנדיטן זיינען אַוועק אויף אַ צווייטער גאַס, איז דערווייל געוואָרן שטילער און צו מיר האָבן זיך דערטראָגן די קרעכצן און וויי־געשרייען פון די גוססדיקע הרוגים. איך לויף אַרויס אין גאַס און איך דערזע ווי אייזיק דער שמש ליגט אַ דערשאָסענער און חזירים רייסן שטיקער פון זיין קערפּער. איך האָב געכאַפּט אַ שטעקן און געקלאַפּט די חזירים און מיינע קולות האָבן זיך דערטראָגן צו די הימלען.

עס איז געווען ערב שבועות, די היץ איז געווען זייער גרויס, האָט דער שטאָטישער דאָקטאָר אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל גלייך אויפראַמען די גאַסן פון הרוגים. די באַנדיטן האָבן געוואָרפן די דערשאָסענע קערפּערס אין וועגענער און זיי אַוועקגעפירט צום בית עולם. עטלעכע אידן האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און געבראַכט צו קבורה דעם רבין מיט זיין זון.

אויפן פערטן טאָג זיינען געקומען צופליען עטלעכע רויט־אַרמייער רייטנדיק אויף זייערע פערד און די באַנדיטן האָבן הענדום־פענדום זיך צעלאָפן פון שטאָט. די רויט־אַרמייער האָבן געבראַכט די ידיעה, אַז אַ מחנה רויט־אַרמייער קומט אָן צו באַשיצן אונדזער שטאָט. די נאַכט איז צוגעפאַלן, קיין מאַכט איז אַצינד ניטאָ, אַלע זיינען אָבער געגאַנגען שלאָפן מיטן געדאַנק, אַז עמעצער גיט שוין אַכטונג אויף דער שטאָט.

אויף מאָרגן אינדערפרי זיינען מיר אַוועק אויפן בית עולם. די זון האָט אומשולדיק געגאָסן אירע שטראַלן אויף די קרבנות, וואָס זיינען געלעגן צעשפּרייט אויף די אַלייען, געפלאָכטן איינער אינם צווייטן אַזוי ווי אויף אַ שלאַכטפעלד: פיצלעך קינדער,

טראַגנדיקע פּרויען, אַ מאַן אין טלית און תפילין אָנגעטאָן און נאַקעטע קערפּערס פון די בעטן אַרויסגעשלעפּטע!

אַצינד, נאָך אַזויפיל יאָרן, שטייען מיר יענע שוידערלעכע טעג פאַר די אויגן. צייטן בייטן זיך און וואונדן פאַרהיילן זיך, אָבער דער אידישער צער און ווייטאָק בלייבט דערזעלביקער. דער איד איז דער אייביקער וואַנדערער און איך וויל זאָגן, אַז אין יענער צייט, אין יענע טעג ווען עס איז אויפגעקומען די סאָוועטישע מאַכט, האָט זיך פאַר דעם אידישן פאָלק געעפנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע. אידן וואָס האָבן פריער מורא גע־האַט פאַרן באָלשעוויזם, האָבן אַצינד דערזען מיט פרייד, אַז קיין אַנדער מאַכט קען זיי ניט אַזוי פאַרטיידיקן, און ווער עס איז אַ מענטש דאַרף זען צו שטיצן די וואָס ווילן דעם אונטערדריקטן און באַליידיקטן פאָלק דערהויבן צו דער מענטשלעכער חשיבות.

דאָס נייע לעבן אין קיעוו

נאָך די לעצטע געשעענישן איז מיר אַלץ נמאס געוואָרן און איך האָב זיך איינגעעקשנט צו פאַרלאָזן מיין שטעטל, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, דערצויגן געוואָרן, דורכ־געמאַכט קאַמפן, חתונה געהאַט און געבראַכט אַ נייעם דור אויף דער וועלט. איך באַשליס צו פאָרן קיין קיעוו, וואו עס וואוינט מיין שוועסטער פרומע און וואו איך האָב אַסך פאַרבינדונגען מיט חברים פון דער באַוועגונג.

אין יענער צייט זיינען געראָדע אָנגעקומען עטלעכע חברים פון מיין שטאָט, וואָס האָבן געבראַכט הילף פאַר די פּאָגראָם־געליטענע, און אויפן וועג צוריק נעמען זיי מיט זייערע פאַמי־ליעס. איך דערצייל מיינע גוטע חברים פון מיין באַשלוס און איך בעט זיך באַ זיי, אַז זיי זאָלן אויך מיך מיט מיינע קינדער מיט־נעמען קיין קיעוו. זיי זאָגן מיר צו און איך נעם זיך גרייטן אין וועג אַריין.

מיין מאַמע דערשרעקט זיך פון מיין באַשלוס; ווי אַזוי נעמ־סטו זיך אונטער, טענהט זי צו מיר, צו שלעפּן זיך אין אַזאַ אומ־רואיקער צייט, נאַקעט און באָרוועס, מיט פיר פיצלעך קינדער? זי בעט זיך באַ מיר ווי באַ אַ גזלן, אַז איך זאָל ניט פאָרן; דערצו איז נאָך מיין ביילקעלע ניט מיט אַלעמען! — הלוואי וואָלט איך געווען געפאָלגט מיין מאַמען, וואָלט איך ניט געווען באַדאַרפט איבערלעבן אַזויפיל צרות אין דער פרעמד מיט מיינע קינדער. ווארום שפּעטער, ווען דעניקין האָט געהאַט פאַרכאַפּט קיעוו, איז אונדזער שטעטל געבליבן באַ די באָלשעוויקעס. מיין געמיט איז אָבער געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז קיין זאַך אין דער וועלט האָט מיך ניט געקענט צוריקהאַלטן פון מיין באַשלוס.

אויפן וועג קיין קיעוו, שלעפנדיק זיך אין אַ לאַסט־וואָגן, האָב איך ערשט באַמערקט, אַז מיין ביילקעלע איז אמתדיק קראַנק. דאָס גאַנצע קערפּערל איז באַ איר באַשאָטן מיט רויטע פלעקן, און די אַנדערע דריי פּיצלעך זיצן דערשראָקענע, איינ־גענורעט איינס אין צווייטן, אַז עס איז אַ רחמנות צו קוקן אויף זיי, און אין אַזאַ צושטאַנד דאַרפן מיר זיך פאַרשלעפן קיין קיעוו.

מיינע חברים האָבן מיך מיט מיינע קינדער געבראַכט קיין קיעוו און דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס מיר זיי־בען אין אַ פרעמדער שטאָט. מיינע חברים לאָזן אונדז אַרונטער אויפן ראָג פון קוזניעטשנאיא גאַס און דאָ דאַרף איך ערשט גע־פינען מיין שוועסטער פרומעס הויז, ווייל דעם נומער פון דער הויז האָב איך ניט געדענקט.

אָנגעקומען קיין קיעוו זיינען מיר אינאָוונט. אויף דער גאַס איז פינצטער און מענטשן זעט מען וואָס אַמאָל זעלטענער פאַרבייגייך. בלייב איך אַזוי שטיין אויפן ראָג, מיט מיינע קינדער, נאַקעטע און באָרוויסע, און איך ווייס ניט פונוואַנען עס וועט קומען מיין הילף. די קינדער ווערן שוין אומרואיק. זיי הויבן אָן פרעגן: מאַמע, וואו איז דער מומע פרומעס הויז? און איך ווייס ניט וואָס זיי צו ענטפערן.

עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, אַ קלאָרע לבנה גיסט איר ליכט אויף די הויכע ביימער פון קוזניעטשנאיא גאַס, וואָס גיט איר דעם אויסזען פון אַ וואַלד. און אין וואַלד זיך איך, אַ מאַמע מיט פיר קינדער — היימלאָזע, עלנטע און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. איך ווייס ניט פונוואַנען, אָבער מיטאַמאָל באַווייזט זיך פאַר אונדז אַ פרוי, אַן אַלטיטשקע, מיט אַ זייער סימפּאַטישן פּנים. זי באַ־טראַכט מיך מיט מיין משפּחה און פרעגט מיך פאַרוואָס מיר זיצן דאָ אין גאַס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. איך דערצייל דער אַל־טיטשקער, אַז מיר זיינען דאָ פרעמדע, ערשט אָנגעקומענע פון אַ שטעטל וואָס איז שטאַרק פאַגראָמירט געוואָרן, און אַז מיר האָבן זיך קוים מיטן לעבן אַרויסגעראַטעוועט. דאָ, זאָג איך איר, האָב איך אַ שוועסטער, וואָס וואוינט אויף דער גאַס, נאָר איך געדענק

ניט דעם נומער, איר נאָמען איז פרומע בייזערמאַן. די אַלטיטשקע לאָזט מיך שוין ווייטער ניט ריידן. זי גיט אַ פּאַטש מיט די הענט און שרייט אויס: אוי, אַ ווייטיק איז מיר, איר זענט פרומעס שוועסטער? קומט מיט מיר, קומט, קינדערלעך, איך קען זייער גוט אייער מומע. אַ קלייניקייט, פרומע בייזערמאַן, עס איז דאָך מיין איינציקער פאַרגעניגן אַריינצוקומען צו די בייזערמאַנס אין הויז. זי איז דאָך אַ צדיקת, קומט, קומט. די אַלטיטשקע פירט אונדז, איך טראָג מיין ביילקעלען אויף די הענט, די אַלטיטשקע טראָגט אונדזער קלימעקל און די דריי עופהלעך גייען אינמיטן; די אַלטיטשקע פירט אונדז אַציגד צו מיין שוועסטער, וואָס ווייסט אפילו ניט צי מיר זיינען געבליבן לעבן פון דעם פּאָגראָם. און אַט זיינען מיר שוין צוגעקומען צוא קעלער־שטוב. פריער לויפט די אַלטיטשקע אַריין אָנזאָגן די בשורה, אַז זי פירט געסט, און באַלד געפינען מיר זיך שוין אַלע אין מיין שוועסטערס הויז וואו עס רינגלט אונדז אַרום די גאַנצע משפחה. מיין שוואָגער, וועלכער קען מיך נאָך פאַר אַ קינד און האָט מיך זייער ליב געהאַט, ווייגט שטאַרק פון פרייד, וואָס מיר זיינען געבליבן לעבן. מיין שוועס־טער פרעגט זיך נאָך אויף אַלעמען, אויף דער מאַמען און אויף אַלע ברידער און שוועסטער און זי כאַפּט זיך אונדז געבן עסן. איך זע אָבער באַלד איין, אַז באַ מיין שוועסטער וועל איך אויף לאַנג נישט קענען פאַרבלייבן, ווייל די אָרימקייט איז דאָ זייער גרויס. מיין שוואָגער איז אַ העברייאישער לערער, קיין באַשעפטיקונג האָט ער איצט ניט און צען קינדער מאָנען עסן און קליידונג.

מיין שוועסטער דערזעט דעם אויסשיט אויף מיין ביילקעלעס פּנים און זי ווערט פאַרציטערט — די מאָזלען קענען זיך נאָך אַריבערטראָגן אויף אירע קינדער און איר הויז ווערט נאָך פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ לאַזאַרעט.

אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער נסיעה און פון אַרומשלעפּן זיך צופוס, זיינען מיר אַלע אַוועקגעפאַלן ווי די הרוגים אויף דעם געלעגער, וואָס מיין שוועסטער האָט פאַר אונדז אויסגעבעט אויף דער ערד.

די נאַכט איז איבערגעפלויגן. מיין ביילקעלע פילט זיך אַסך בעסער. איך קוק זיך אַרום אויף מיין רומעל: די שטוב, אַ טיי־פער קעלער, איז מער ענלעך צו אַ גרוב, פינצטער, וויסט, און דורך די צווי פעגסטער, וואָס ברענגען קוים אַריין אַ שטראַל ליכט, זעט מען בלויז פיס פון מענטשן, וואָס גייען פאַרביי. דאָ, אין דער איינגשאַפט און אָרימקייט, וואו ס׳איז כמעט קיין ברויט ניטאָ צום עסן, זיינען צוגעקומען נאָך פינף נפשות — אַ מאַמע מיט פיר קינדער, וואָס האָט נאָך קיין גוטן טאָג אין איר לעבן ניט געהאַט; דער פאָטער פון די קינדער איז אין אַ וויטן לאַנד און מיר ווייסן אפילו ניט צי ער לעבט.

מיט שווערער מי איז מיר אָנגעקומען ביז איך האָב געקראָגן פאַר זיך אַ קליידל און שיך און איך בין אַוועק צו דער סאָציאַל־פאַרזיכערונג אָפּטיילונג. אַריינקומענדיק האָב איך שוין געפונען דאָרטן, וואַרטנדיק, אַ גרויסע צאָל מענטשן. איך ווענד זיך צום פאַרוואַלטער און דערצייל אים וואו איך האָב פריער געאַרבעט און אַז איך מוז אַצינד האָבן אַ פלאַץ צום וואוינען. הערט ער מיך אויס אויפמערקזאַם און הייסט מיר דערווייל זיך צוזעצן און וואַרטן, ווייל גראַדע איצט קומט פאָר די זיצונג פון דער קאָמיסיע, וואָס זאָרגט פאַר אַלע היימלאָזע.

עס נעמט ניט לאַנג און מ׳רופט מיך אַריין אין דעם צימער וואו עס קומט פאָר די זיצונג. דאָ פרעגט מען מיך צי איך וואָלט זיך אונטערגענומען צו אָרגאַניזירן אַ פלאַץ פאַר די היימלאָזע. בעסער געזאָגט: דער פלאַץ איז שוין פאַראַן, מען מוז אָבער האָבן אַ פאַרוואַלטערין, במילא וועט זי שוין אויך האָבן וואו צו וואוינען. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך אין דעם פלאַן אָנגעכאַפּט. איך לויף שוין אַהיים צו מיינע קינדער אַ גליקלעכע. איך זאָג זיי אָן די גוטע בשורה, אַז מיר האָבן שוין אַ היים. מיין שוועסטער פרייט זיך וואָס זי ווערט שוין פטור פון אונדז.

פאַר מיינע לעצטע גראָשנס געלינגט מיר צו דינגען אַ פור־מאַן. מיר פּאַקן זיך אַלע אַריין אין דעם וואָגן און מיר פאָרן

אַצינד אין אונדזער נייער היים, וואָס די רעגירונג האָט פאַר אונדז צוגעגרייט, ביז אַלץ וועט זיך איינשטעלן.

דער בנין וואו אַלע פּאַגראָמירטע וועלן וואוינען, ביז זייערע שטעט פונוואַנען זיי קומען וועלן זיך אָפּרייניקן פון די באַנדיטן, איז אַ דריי־שטאָקיקע הויז מיט אַסך צימערן. דאָ האָט זיך געפונען איינע פון די גרעסטע גימנאַזיעס און אַצינד געפינען זיך דאָ בלויז די לערער, וואָס זיינען געבליבן אין זייערע וואוינונגען.

קיעוו איז דאַן געווען דער צענטער פון אַלע רעגירונג־אָפּטיילונגען. די אַרבעט ווערט דאָ אָנגעפירט מיט גרויס פאַרשטענדעניש, אויף וויפל עס איז געווען מעגלעך אין יענער צייט צו טאָן אַרבעט, ווייל זיכער מיט דער מאַכט איז מען נאָך ניט געווען. עס ווערט אָבער געבויט אַ נייע לעבן. די הימלאָזע האַלטן דערווייל אין איין אַריינשטראָמען, יעדן טאָג מער און מער. צוזאַמען מיט מיר אַרבעט אין דעם אַנשטאַלט רחל מייזל. זי פאַרנעמט דעם חשובן אָרט פון אינסטרוקטאָרין. אַלע האָבן זי ליב. אַז רחלע קומט אַריין, ווערט ליכטיק אין יעדן ווינקעלע. אירע גאָלד־געקרויזטע האָר, אירע ליכטיק־בלויע אויגן און זיסער שמייכל האָט אַלעמען ממש פאַרכשופט, איבערהויפּט האָט מען זי שטאַרק ליב געהאַט פאַר איר גוטסקייט. ספּעציעל איז זי געווען זייער גוט צו מיר און מיינע קינדער.

מ י י ן מ אַ מ ע

מיין מאַמען ווערט אומעטיק און זי קומט צו מיר קיין קיעוו. מיין שוועסטער רחל, איר מאַן מיט די קינדער זיינען שוין אויך מיט מיר אין דער אַלגעמיינער היים. מיין ברודער, חנא פעלדמאַן, אַ פּראָמינענטער אַדוואָקאַט, געלינגט צו קריגן, אַ דאַנק זיינע פריינט, אַ וואוינונג פאַר זיך און מיין מאַמע וואוינט מיט אים. מיין ברודער חנא האָט זייער פיינט געהאַט די באָלשעוויקעס, איצט האָט ער שוין אַ בעסערע מיינונג וועגן זיי, אָבער אין יענער צייט האָט ער גיכער געוואָלט, אַז די באַנדיטן זאָלן רעגירן, איידער די אַרבעטער. עס איז אָבער אויך אינטערעסאַנט, אַז מיין ברודער חנא האָט זיך נישט געקענט צופּאַסן צום געדאַנק, אַז די אַרבעטער וועלן פירן די מלוכה, ווארום ווער זיינען זיי דען אַלע? האַלעדראַנצעס, סמאַרקאַטשעס, און זיי וועלן מיר זאָגן דעות? ניט דערלעבן וועלן זיי! זיי האָבן אָבער יאָ דערלעבט און אים געזאָגט דעות און ער האָט זיי געמוזט פאָלגן אויך.

מיין ברודער האָט פאַרמאָגט, פאַרן צאַר, אַ גרויסע שטיינערנע הויז מיט די נייעסטע איינריכטונגען, אַכט צימערן שיין מעבלירט, געהאַלטן דריי דינסטן, איז קיין פראַגע ניט, אַז ער האָט ניט געוואָלט די באָלשעוויסטישע מאַכט. ער האָט געלעבט ווי אַ גראַף. אין זיין גאָרטן אונטער דער אטאלקע, מיט די שענסטע בלומען, פלעגט ער זומער־צייט, אַרום פיר אַזייגער, טרינקען טיי, וואָס די דינסט האָט אים אונטערגעטראָגן. זיין פרוי מיט די קינדער זיינען זומער געפאָרן אין די קור־ערטער און ווינטער פאַר פאַרגעניגן קיין קיעוו אָדער ערגעץ אַנדערש. זיין שטוב איז געוועזן זייער רחבותדיק.

קיין שלעכטער איז מיין ברודער ניט געווען, נאָר קאַפּריזנע; צו מיין מאַמען האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע ליבע און אַכטונג, ווארום מיין מאַמע האָט פון זיין גוטס ניט געוואָלט געניסן. איך געדענק ווען מיין מאַמע איז איינמאָל געקומען זייער צעקאָכט פון איר זון. זי האָט מיר דערציילט, אַז ער זאָגט, אַז די מענטשן, וועלכע אַרבעטן באַ אים אין דער טיפּאָגראַפיע, ווילן אַ העכע־רונג אין שכירות — אַחוץ מיין ברודערס אַדוואָקאַטור איז ער אויך געווען אַן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג „ראַ־דאָמיסלעניק" און געמאַכט זייער אַסך געלט. דערציילט מיין מאַמע, אַז זי איז צו אים אָנגעקומען פונקט אין דער מינוט, ווען זיין כעס אויף די אַרבעטער האָט געברענט. ער פאַלט דאָן אָן אויף איר, גאָרניט ווי עס איז געווען זיין שטייגער, און ער באַשולדיקט איר טעכטערל אין אויפרייצן זיינע אַרבעטער; איך וועל דיר, זאָגט ער, קיין גראָשן ניט געבן, דאָס איז איר אַרבעט! זי פאַר־גינט מיר ניט דאָס לעבן! און מיין מאַמע דערציילט, אַז זי האָט אים באַרואיקט און געזאָגט: זיי ניט אויפגערעגט, מיין זון, דיין שוועסטער איז דאָ גאָרניט שולדיק. שולדיק ביזטו אַליין, וואָס דו ווילסט וואוינען אין אַ פּאַלאַץ און האָבן דינסטן און דיינע אַרבעטער ווילן בלויז עסן, כדי צו האָבן כח צו אַרבעטן. זע, מיין זון, וואָס באַ דיר אויפן טיש איז אָנגעשטעלט צום עסן, און גיי גיב אַ קוק אויף די טישן פון דיינע אַרבעטער און זע וואָס זיי האָבן צום עסן, וועסטו דאָן פאַרשפּאָרן צו באַשולדיקן דיין שוועס־טער. די מענטשן זיינען קליגער געוואָרן און זיי ווילן וואָס עס קומט זיי; מיין מאַמעס פּנים האָט געהאַט אַלע חנען, ווען זי האָט עס מיר דערציילט וועגן דעם אינצידענט. און ווייסטו וואָס דיין ברודער האָט מיר געענטפערט, גיט זי צו, אַז אפילו אין די רייד שטעקט אויך דיין טעכטערלס קעפּעלע — אַליין, מיינט ער, האָב איך שוין קיין שכל ניט!

די אַרבעטער זיינען באַ אים געווען סמאַרקאַטשעס און ער האָט זיי פיינט געהאַט, ווי אַ גוטער איד האָט פיינט חזיר.

געפינען מיר זיך אַלע אין קיעוו און מען וואַרט אַז די מאַכט

זאָל זיך איינשטעלן, וועט שוין אַלץ זיין גוט, ווייל אין דער גרויסער שטאָט איז מען פאַרט זיכערער ווי אין די קליינע שטעטלעך.

מיין מאַמע קומט צו מיר יעדן טאָג און וויל ניט אַנדערש, אַז מיר זאָלן צוריקפאָרן קיין ראַדעמישלע. וויפל איך טענה צו איר, אַז מיר איז דאָ איצט גוט, איך האָב אַ פיינע שטעלע, העלפט עס ניט. איינמאָל קומט זי צו מיר מיט דעם אויסרייד, אַז זי וויל נעמען די צוויי אינגלעך מיינע, אַז זיי זאָלן איבערנעכטיקן באַ מיין ברודער. זי נעמט צו מיינע אינגלעך און פאָרט מיט זיי אַוועק קיין ראַדעמישלע. מיין מאַמעס געדאַנק דערביי איז געווען, אַז איך וועל זיך פאַרבענקען נאָך די קינדער און איך וועל דאַן מוזן קומען אַהיים. און עס האָט געטראָפן, אַז פונקט דאַן ווען מיין מאַמע האָט פאַרלאָזט קיעוו, זיינען די דעניקינצעס אריין אין קיעוו און אין ראַדעמישלע האָט זיך געפונען די רויטע אַרמיי.

דער בירגער־קריג — דעניקינס באַנדע

אין דער צייט פון בירגער־קריג, וואָס כאַפּט אַרום דריי יאָר צייט, האָט צום מערסטן געליטן די שטאָט קיעוו. אין קיעוו האָט זיך אין משך פון די דריי יאָר, דריי מאָל געביטן די מאַכט. עס איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן די „ראַדע", וואָס האָט געטראָגן דעם עיפּוש פון דער קייסערלעכער יונקערישער מיליטער און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן דער פּעטליוראָווער־שטשינע. אַז מען האָט פאַרטריבן די פּעטליוראָווצעס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַמף קעגן די דעניקינצעס, און ווען עס ווערן פאַרטריבן די דעניקינצעס, רייסן זיך אַריין די פּאָליאַקן. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 1920 האָט זיך פאַרפעסטיקט די מאַכט אין קיעוו און מ'האָט זיך אָנגעהויבן ערשט שטאַרקער צו באַפעסטיקן. ניט נאָר האָט מען אויפגעבויט נייע פאַבריקן און זאַוואָדן, נאָר עס ווערן אויך פאַרריכט די אַלטע חרוב־געוואָרענע הייזער. און ניט נאָר האָט מען געדאַרפט איבערבויען הייזער, נאָר אויך די מענטשן, די צעבראָכענע שאַרבנס, ווייל מיט זיי האָט מען געמוזט בויען אַ נייע וועלט.

מען איז ניט געווען צוגעגרייט צו דער רעוואָלוציע, איבער־הויפּט האָבן די יידן ניט געהאַט קיין גלויבן אין דער רעוואָ־לוציע. באַ די אידן, וואָלט איך בעסער געזאָגט, איז געווען רעכט אַז די רעוואָלוציע זאָל שוין אָפּטאָן איר אַרבעט, אַבי מ'זאָל זיי ניט טשעפּען און לאָזן האַנדלען. און האָט מען זיי אויף דעם

אויפמערקזאַם געמאַכט מיט גוטן איז דאָס געווען אַרויסגעוואָר־פענע רייד. האָט מען זיך געמוזט נעמען מיט בייזן. און אויף אַזאַ אופן איז געווען צוויי פראָנטן: מ׳האָט באַדאַרפט באַקעמפן דעם אויסנווייניקסטן שונא און אויך דעם אינעווייניקסטן. די אַרבעט אין יענע יאָרן איז געווען זייער אַ שווערע, אָבער עס איז דאָך געלונגען, אַז די מאַכט זאָל קריגן די אויבערהאַנט. און עס איז מקוים געוואָרן דאָס ווערטל, אַז מ׳האַקט האָלץ פאַלן שפענער. געריכט האָבן מיר זיך אויף אומרוען און האָבן געהאָפט אַז מיר וועלן געווינען.

די דעניקינצעס פאַלן אָן
ווי אַ בליץ

אַ גאַנצע נאַכט האָגלט איבער אונדזער געבײדע מיט קוילן. אַלע ליגן מיר אויסגעצויגן אויף דער ערד און עס האָט קיינעם ניט געשאַדט. אָבער אינדערפרי האָבן מיר זיך שוין געפונען אין דעניקינס הענט; די האָפענונג פון אַסך מענטשן, אַז אונטער דעניקינס הערשאַפט וועט זיין בעסער ווי אונטער די באָלשעוויקעס, איז אינגאַנצן צערונען געוואָרן, ווייל די דעניקינצעס זיינען געווען פשוטע באַנדיטן און האָבן באַלד אָנגעפאַנגען צו פּאָגראָמירן אידן. אין יענע טעג איז מיין ברודער מאיר לייזער געפאַלן אַ קרבן. ער איז דאַן אַלט געווען דרייסיק יאָר און איז דערהרגעט געוואָרן אויף אַ שוידערלעכן אופן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט דריי קינדער. די פרוי ווערט גערירט פון זינען און די קינדער ווערן געראַטעוועט ווי דורך אַ נס — די קינדער פאַרנעמען איצט גרויסע עמטער באַ דער סאָוועטן־רעגירונג. איך מיט מיינע קינדער זיינען געראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק די לערער, וועלכע זיינען געבליבן וואוינען אין זייערע שטיבלעך.

איך קלייב זיך אַריין צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע היימלאָזע. איך נעם זיך באַקן לעקעך און זיי גייען אַרויס פאַרקויפן, דערפון ציען מיר דערווייל אונדזער חיונה. פון גרויסער אָנשטרענגונג ווער איך קראַנק. איך בין אָפּגעריסן פון מיינע חברים און קרובים — בכלל איז דאַן געווען אַ צייט פון מבול, פון אונטערגאַנג. חברים, שוועסטער און ברידער האָבן דאַן זייער ווינציק געמיינט, יעדער איינער האָט זיך געפונען אינם צושטאַנד פון אַ פאַרוואָרלאָזטער חיה, וואָס זוכט פאַר זיך אַ ווינקעלע צו באַשיצן זיין אייגענעם לעבן. אָט אין יענער צייט באַווייזט זיך ווידער פאַר

מיר רחל מייזל. זי קומט צו מיר אויפן צענטן טאָג פון מיין קראַנק־שאַפט, אויפן רוף פון מיין חנהלען, וועלכע האָט איר מודיע גע־ווען, אַז איך בין שטאַרק קראַנק. ניט טראַכטנדיק אפילו אויף איין מינוט, אַז זי קען זיך נאָך אָנגעמען פון מיר און אַליין קראַנק ווערן, קומט זי מיך ראַטעווען. ווען רחלע איז געקומען און דער־זען דעם שיינעם תכלית וואָס פון מיר איז געוואָרן, איז איר ער־שטער געדאַנק געווען מיך אַוועקצונעמען אין דעם אידישן שפי־טאָל. איך וויל ניט אַז מען זאָל מיך נעמען אין אַ שפיטאָל. רחלע רעדט מיך אָבער איבער, ווייל דאָרטן, טענהט זי, וועט מען מיר געבן די נייטיקע הילף, בעת דאָ קען איך נאָך חלילה אונטערגיין. זי קריגט באַלד אַ פורמאַן און מען נעמט מיך גלייך אַוועק אין אידישן שפיטאָל אויף רחלעס פּראָטעקציע.

אין יענער צייט פון עפּידעמיעס האָט מען געלייגט ווינציק האָפענונגען אויף די קראַנקע מענטשן, ווייל די מענטשן זיינען דאָן געפאַלן ווי די פליגן. אַזוי אַרום האָט מען מיך אַרונטער־געטראָגן פון מיין וואוינונג, וואָס איז געווען אויפן צווייטן שטאָק, איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע, אפילו קיין שיך האָט מען מיר ניט אָנגעטאָן! רחלע פאָרט מיט און אויפן וועג באַרואיקט זי מיך, אַז זי האָט אַ גוטן באַקאַנטן דאָקטאָר און ער וועט מיך שוין אָפּראַטעווען, און אַז איך וועל זיכער געזונט ווערן איינגיכן. איך פיל אָבער, אַז מיין לעבן עקט זיך; פאַר די אויגן דרייען זיך באַ מיר רעדער, דער קאָפּ ווערט מיר צעשפּאָלטן פון ווייטיק, אין מויל איז מיר שרעקלעך ביטער און דער געדאַנק אַרבעט באַ מיר, אַז די באַנדיטן פייניקן מיינע קינדער; אָט האַלט מען מיינע צוויי אינגעלעך אויף דער „סטוקע", און איך מאַך שטאַרקע גע־וואַלדן. אין אַזאַ צושטאַנד ברענגט מען מיך צופירן אין שפּיטאָל. ווען מ'נעמט מיך טראָגן פונם וואָגן, פיל איך אַז די כוחות פאַר־לאָזן מיך. עס נעמט צייט ביז מען פאַרשרייבט מיך און ענדלעך ליג איך שוין אין אַ בעט. פון דעם פאָרן און פון דער קעלט, וואָס איז אַריין אין מיינע ביינער, בין איך אַזוי שטאַרק דענערווירט, אַז איך פאַל אַריין אין חלשות. און אפשר איז דאָס גאָר געווען דער קריזיס פון מיין קראַנקשאַפט, ווער ווייס?

ווען איך בין צוריקגעקומען צו מיין באַוואוסטזיין, האָב איך זיך געפונען אין דער אָפּטיילונג פון די טויטע, און טאַקע געלעגן אין איין בעט מיט אַ טויטער פרוי — די קאַלטקייט פון איר קערפער פיל איך נאָך אַצינד. איך ווייס וואו איך בין, איך פאַרשטיי אָבער ניט פונוואַנען צו מיר האָט זיך גענומען כוחות צו שרייען, מיינע קולות זיינען געגאַנגען ביזן הימל. און פונקט ווען מיין לעבן גייט אויף, טראָגט מען אַריין נייע, פרישע בר־מנגס אין קעלער. און אַז די טרעגערס האָבן דערהערט מיינע געוואַלדן, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן שרייען און עס איז געוואָרן די אמתע בהלה. מיך האָט מען באַלד אַרויפגענומען אין אַ פּאַלאַטע פון קראַנקע וואָס האָבן געהאַט די גסיסה. מען לייגט מיך אַריין אין אַ בעט, אַ דאָקטאָר קומט צו מיר צו, באַטראַכט מיך און גיט צו, אַז דער קריזיס איז שוין באַ מיר פאַראיבער און אַז מ׳קען מיר שוין געבן עפּעס צום עסן. יאָ, עס איז אַזוי ווי מיין מאַמע פלעגט זאָגן: אַז מ׳האָט יאָרן, לעבט מען אַלץ איבער.

און עס האָט אויך פּאַסירט, אַז גראַדע ווען איך קום צוריק צום לעבן, האָבן די באַלשעוויקעס ווידער אָנגעהויבן צו גיין אויף קיעוו. די דעניקינצעס הויבן אָן פאַרטיידיקן זיך און איינע פון זייערע פּאָזיציעס איז אויפן הויף פון דעם אידישן שפּיטאָל.

ליג איך אין מיין פּאַלאַטע. אַנטקעגן מיר ליגט נאָך אַ פרוי, צו וועמען קיינער קומט ניט און מיר וואַרטן אומגעדולדיק, אונטער דעם טאָג־ און נאַכטיקן־קראַכן פון האַרמאַטן, אויף דעם אויסגאַנג פון דעם קאַמף. די דעניקינצעס, זאָגט מען, שלאָגן זיך יעצט מיט די לעצטע כוחות, אָבער קיינער ווייסט נאָך ניט ווער וועמען וועט בייקומען. עס איז ערב ניי־יאָר און די פרעסט זיינען שרעקלעך. די קראַנקע ליגן און ווייסן ניט וואָס אינדרויסן טוט זיך, מיר פילן עס אָבער אין אונדזערע ביינער; מען גיט ניט קיין עסן, אפילו קיין ביסל וואַסער!

גייען זיך אַזוי די טעג, אַזעלכע גרויע, אומרואיקע, ווי עס איז מיין געמיט. איך טראַכט, וואָס איז געוואָרן מיט מיינע קינדער, מיין שוועסטער און ברודער? זיי האָבן ניט געזען ווען

מ'האָט מיך אָוועקגענומען אין שפּיטאָל! גאָט אין הימל, וואו זיי־נען מיינע קינדער אַצינד? וואו איז מיין מאַמע? עס פאַלט אויף מיר אָן אַ גרויס געוויין. איך וויין אויף מיין לעבן, וואָס האָט זיך אַזוי פרי אָנגעהויבן מיט אַזויפיל גרויל און פּיין. איך וויין אויף אַ קול. די אויפזעהערין, די אמתע מכשפה, לויפט צו מיר צו און דערלאַנגט מיר עטלעכע גוטע קלעפּ, הלמאי איך וויין, ווייל אַצינד איז פּונקט דער קלימאַקס פון דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר צווישן די דעניקינצעס מיט דער רויטער אַרמיי.

מען ווייסט שוין, אַז די דעניקינצעס ווערן אָפּגעשוואַכט און די רויטע אַרמיי געשטאַרקט. די אַלע אָנגעשטעלטע אין שפּי־טאָל זיינען ניט פאַר די רויטע, זיי זיינען אָבער אויך ניט פאַר דעניקינען — זיי ווייסן בכלל ניט וואָס זיי ווילן! זיי ווייסן בלויז, אַז אויב די רויטע אַרמיי וועט זיגן, וועלן זיי אַלע אַרעסטירט ווערן, ווייל זיי האָבן דערלויבט, אַז די ווייסע גוואַרדיע זאָל זיך איינפונדעווען אין דעם גרויסן הויף, צו קענען שיסן אויפן שונא — די רויטע אַרמיי איז באַ זיי געווען דער שונא; איך האָב דער־נאָך געזען ווי אַזוי זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן מיט הכנעה, און ווי אַזוי זיי האָבן זיך געחנפעט צו דער מאַכט פון די סאָוועטן — קיין שלעכטס האָט די רויטע אַרמיי צו די אויפזעהער נישט געטאָן און צו די שפּיטאָל־באַאַמטע אודאי ניט.

עס איז געווען ערב ניי־יאָר ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין אין קיעוו. איך און מיין שכנה זיינען די איינציקע, וואָס האָבן אַלעמען איבערגעלעבט אין אונדזער צימער; וואָס טויג אָבער אונדזער לעבן, אַז דער הונגער מאַטערט אונדזערע קישקעס; עס שווינדלט אין די אויגן און קיינער קומט אונדז ניט זען. מיין שכנה פאַלט איין, אַז מיר זאָלן זיך אַליין אויסשרייבן פון שפּי־טאָל. מיר געפעלט דער פּלאַן און איך זאָג דעם דאָקטאָר, וואָס איז, זינט די מאַכט האָט זיך געביטן, געוואָרן בעסער צו אונדז, ווי דער אמת איז, אַז איך בין דאָ עלנט און האָב איבערגעלאָזט פּיצלעך קינדער און בעט זיך באַ אים, אַז ער זאָל מיך אויסשרייבן פון שפּיטאָל. דער דאָקטאָר פאַרנעמט מיינע רייד און ער זאָגט דער קראַנקן־שוועסטער, אַז זי זאָל מיר ברענגען מיינע קליידער.

מען שרייבט אַרויס, מיך און מיין שכנה, און מיר דאַרפן פּרובירן צי מיר קענען גיין. מילא פון גיין איז אָפּגערעדט, איך בין באַלד צוריקגעפאַלן אין בעט, דער געפיל אָבער און די בענקשאַפט צו די קינדער האָט מיך געשטאַרקט. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך אָנגעטאָן, אָבער שיך, האָב איך אויסגעפונען, האָב איך ניט. פאַלט מיין שכנה ווידער אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי מיר פעלט שיך און איר פעלט אַ שאַל, וועט זי צערייסן אַ קאָלדרע און נוצן איין האַלבע פאַר אַ שאַל און די צווייטע האַלבע זאָל איך נוצן פאַר אָניטשעס. גערעדט און געטאָן. זי נעמט און צעפּליקט אַ קאָלדרע. מיר פּוצן זיך אויס און איידער איך קוק זיך אַרום איז שוין מיין שכנה אַרונטער און איך שלעפּ זיך זייער פּאַמעלעך. ווי אַזוי איך וועל זיך דערשלעפּן אַהיים ווייס איך ניט. עס ווילט זיך אָבער זייער שטאַרק זיין אויף דער פריי. איך האַלט זיך אָן אין דער פאַרענטשע, שלעפּ זיך און שלעפּ זיך, מיין קאָפּ דרייט זיך מיר און איך פּיל, אַז אָט־אָט פאַל איך. מיטאַמאָל דערזע איך מיין שכנה, מען פירט זי שוין צוריק. איך דערפיל, אַז עפּעס קוקט מען אויף מיר אויך און באַלד נעמט מען מיך טאַקע, בכבוד גדול און מען פירט מיך אויך צוריק. ווי שלעכט עס איז מיר געווען אויפן האַרצן, האָב איך אָנגעהויבן לאַכן פון אונדזער דורכגעפאַלענעם פּלאַן. און דאָס מיינט דאָך, אַז ערשטנס זיינען מיר געוואָרן גנבטעס, צווייטנס האָט מען צוגענומען באַ מיר די אָניטשעס און באַ מיין שכנה די שאַל און דאַן אונדז געהייסן גיין.

מיין שכנה איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן און ביז הייַנטיקן טאָג ווייס איך ניט וואָס עס איז מיט איר געוואָרן. איך האָב זיך, מיט מיינע שוואַכע כוחות, אַרונטערגעשלעפּט אין דעם אויפנאַם־צימער און דאָרטן געפאַלן אין חלשות. אַז מ׳האָט מיך דערמונטערט און אָנגעהויבן אויספרעגן, האָב איך זיי דערציילט, אַז איך האָב דאָ אַ ברודער און אַזוי ווי איך האָב נאָר דערמאָנט זיין נאָמען, זיינען אַלע געוואָרן זייער גוט צו מיר, ווייל, ווי איך האָב שוין דערציילט, איז מיין ברודער געווען אַ פּראָמינענטער אַדוואָקאַט און פאַרמאָגט אַסך פריינט — איינער פון זיינע פריינט

איז געווען פון די, וואָס האָבן מיך אויסגעפרעגט. זיי דינגען מיר אַ דראָזשקע און מען שיקט מיך אָפּ צו מיין ברודער.

דער איזוואָשטשיק האָט באַדאַרפט קריגן פינף טויזנט קערענסקי־רובל — עס איז שוין אפילו געווען סאָוועטישע רובלס, אָבער קיין גרויסן ווערט האָבן זיי ניט געהאַט, איז ער דוקא באַשטאַנען אויף קערענסקי־רובלס! איך הייס דעם איזוואָשטשיק מיך פירן צו דער קוואַרטיר וואו איך האָב איבערגעלאָזט מיינע קינדער.

מיר פאָרן איבער די קיעווער גאַסן וועלכע זעען אויס פונקט ווי נאָך אַ מלחמה. אַלץ איז צעבראָכן און די טראַמווייען גייען ניט. וואו ניט וואו פאָרט פאַרביי אַ דראָזשקע, אָבער דאָס זיינען ניט קיין ציווילע, נאָר מיליטערישע מענטשן.

איך זיץ אין וואָגן און פלוצים הער איך ווי דער פורמאַן שטעלט אָפּ די פערד. מען רעווידירט צי געפינט זיך טאָקע אַ קראַנקער מענטש אין וואָגן — אין יענער צייט האָט מען אַלץ רעקוויזירט. דאַן הער איך ווי מ׳זאָגט אין רוסיש: יאָ, זי איז טאָקע קראַנק! דער איזוואָזטשיק ווערט באַפרייט און ער פירט מיך צו דער הויז, און דאָ לעב איך ווידער איבער אַ גרויסע איבערראַשונג.

דער באַלעבאָס פון דער הויז איז שוין טויט. די פרוי איז אַן אויסגעמאַטערטע, קוים וואָס זי לעבט. אירע קינדער מאָזלען און די גאַנצע הויז זעט אויס ווי אַ חורבה; די באַלעבאָסטע דערציילט מיר, אַז באַלד ווי מ׳האָט מיך צוגענומען אין שפּיטאָל, איז געקומען מיין ברודער זען מיינע קינדער. אַזוי שנעל ווי די קינדער האָבן דערזען זייער פעטער, האָבן זיי זיך שטאַרק צעוויינט, זיי האָבן אים אַזוי גערירט, אַז ער האָט זיי מיטגענומען צו זיך.

בעט איך שוין דעם פורמאַן, אַז ער זאָל מיך פירן צו מיין ברודער, אויף „בולוואַרנע״. דער פורמאַן נעמט מיך ווידער אויפן וואָגן און פירט מיך אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס. ענדלעך

עפנט זיך דער שווערער טיער און איך דערזע מיין ברודערס הויז. דער פורמאַן פירט מיך אַריין אין הויז, זעצט מיך אַריין אין אַ שטול, מיינע מיידעלעך פאַלן אַרויף אויף זייער מאַמען און וועלכער זיי האָבן זיך שוין געהאַט מיאש געווען. איך ווענד זיך מיט אַ שוואַכער שטימע צו מיין ברודער: חנא, מיין ברודער, גיב דעם פורמאַן פינעף טויזנט קערענסקיס. מיין ברודער איז איצט אַ גוטער בירגער, אָבער אין יענער צייט איז ער געווען אַ שונא פון דעם פרייען געדאַנק. ער איז געווען רייך און ניט געוואָלט, אַז עס זאָל אים ווערן שלעכט. אויפגענומען האָט ער מיך אויך ניט אַזוי פריינטלעך. איך לייג זיך אַריין אין מיין ברודערס בעט און איך דערמאָן אים נאָכאַמאָל, ער זאָל באַצאָלן דעם פורמאַן פינעף טויזנטער קערענסקיס, לאַכט ער זיך אויס און גיט דעם גוי דוקא אוקראַינער פופציקער; אויב ער וויל ניט נעמען, ווייסט ער דאָך וואָס מען טוט דערפאַר. דער פורמאַן אַנטלויפט דאַן אינגאַנצן אָן געלט און איך בלייב ליגן פאַרגאַפט אין בעט. מיין ברודער פרעגט מיך אויס און דערציילט מיר, אַז אַלע האָבן מיך שוין געהאַט אויפגעגעבן. יאָ, זאָג איך אים, אודאי בין איך שוין געלעגן צווישן די טויטע! איך נעם זיך אים דערציילן פון מיין ליגן אין טויטן־צימער און ווי אַזוי איך האָב זיך אופגעכאַפּט און געמאַכט געוואָלדן. מיין ברודער ווערט גערירט פון מיינע איבערלעבונגען. ער פרעגט מיך מיט גרויס רחמנות: ווילסט עפּעס עסן, שוועסטער מיינע? איין קלייניקייט, צי איך וויל עסן! ער שטייט אויף, נעמט אַרויס פאַמעלעך אַ שליסעלע פון דער אויבערשטער זשילעט־קעשענע און לאָזט זיך גיין צום שאַפקעלע וואו דאָס ברויט איז פאַרשלאָסן. דאָס, זאָגט ער, טייל איך אויס אין פּאָרציעס, אַנדערש וואָלטן מיר שוין פון לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער. אויפצוהאַלטן אַזאַ פאַמיליע ווי מיין ברודערס האָט זיך געפאָדערט עטלעכע פונט ברויט אַ טאָג. פון אַזאַ דחקות איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס מיינע קינדער איז גאָר שווער געווען צו דערקענען, זיי זיינען פשוט אויסגעמאָרעט פון הונגער.

איך הויב אָן צו פילן בעסער אין מיין געזונט און איך הויב

זיך אָן גרייטן אין וועג אַריין צו מיינע קינדער, וועלכע זיינען מיט מיין מאַמען אין ראַדעמישלע.

איך פאַרלאָז קיעוו. און נאָכאַמאָל מוז איך דערמאָנען רחלע מייזל, ווייל זי אַליין ווייסט גאָרניט וויפל זי האָט צוגעטראָגן צו מיין לעבן. זי קומט צו מיר איידער איך בין אַפּגעפאָרן און ברענגט אַ פולע קאָרזינע מיט זיך, פאַר מיר מיט די קינדער: קליידונג, ליילעכער און שפייז. אַז מיר זאָלן האָבן אויפן וועג אַהיים. מיט די איבעריקע פריינט מיינע האָב איך זיך ניט געזעגנט. איך בין נאָך געווען קראַנק און איך האָב געבעטן מיין ברודער ער זאָל מיינע פריינט אויפזוכן און אַז זיי וועלן זיך דערוויסן ווי קראַנק איך בין וועלן זיי מיר געוויס העלפן.

יאָ, מיין ברודער האָט מיך טאַקע געפאָלגט און געקראָגן געלט פון מיינע פריינט, אָבער אַנשטאָט צו געבן מיר דאָס געלט, וואָס זיי האָבן פאַר מיר געגעבן, האָט ער מיר אונטערגעטראָגן סאָוועטישע געלט און האָט מיר נאָך אַריינגעזאָגט, אַז זייער געלט איז גאָרניט ווערט. ווי קראַנק איך בין נאָך געווען, האָב איך אים אָנגעוויזן ווי איבער אים און זיין גלייכן לידן מיר אַזויפיל אומגליקן און מיר וועלן אייך אַלעמען איבערקומען!

אין דעם טאָג וואָס מיין ברודער האָט מיר איבערגעגעבן דאָס געלט, און קיין אַנדערע געלט האָב איך נישט געהאַט, האָב איך פונדעסטוועגן איינגעפּאַקט מיינע חפצים, גענומען מיינע קינדער און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. איך ווייס אַז איך האָב נישט קיין געלט, דערפאַר האָב איך אָבער געהאַט דעם גלויבן, אַז איך וועל ניט פאַרלירן ווערן מיט דעם געלט פון וועלכן מיין ברודער האָט אַזוי חוזק געמאַכט. איך קום אויפן וואָקזאַל און איך ווענד זיך צום עלטסטן פון דער סטאַנציע. איך דערצייל אים, אַז איך בין פון ראַדעמישלע, איך בין דאָ מיט צוויי קינדער, און דאָרטן האָב איך אַ מאַמע, אויב זי לעבט, מיט נאָך צוויי קינדער, און בעט אים אַז ער זאָל מיר העלפן קומען אַהיים. דער עלטסטער האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און האָט מיך באַלד באַ־

זאָרגט מיט דריי פּלעצער אין אַ „טעפּלאַשקע״ — אַזאַ וואַגאָן, וואָס מען פירט סקאָט.

יענע טעג פון וואָגלעניש, היימלאָזיקייט, עפּידעמיעס און האָפנונגלאָזיקייט, אַז איך דערמאָן זיך אין זיי, גלויבט זיך מיר אַליין ניט אַז מיר האָבן זיי געקאָנט איבערלעבן! איך פאָר אַצינד אַהיים אין מיין געבורט־שטעטל וואו איך האָב מיין מאַמען מיט מיינע קינדער. אויפן וועג שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ סטאַנציע. מען באַגעגנט זיך מיט מענטשן, אַסך פון אונדזער שטעטל, וואָס ס׳האָט זיך זיי אויך איינגעגעבן צו פאָרן אַהיים. אַ פרוי מיט אַ פאַרכמורעטן פּנים און מיט אַן אויסדרוק פון רחמנות הייבט אָן ריידן צו מיר; אַ שיינער תכלית איז נעבעך געוואָרן פון אייער רחלען! איך הייב זיך אָן דערפרעגן באַ איר, און צו מיין פּעקל צרות קומט צו מיין שוועסטער רחלס פּעקל; — פינעף קינדער זיינען באַ איר געשטאָרבן פון הונגער.

מיט אַ דערשלאָגענעם געמיט דערנעענטערן מיר זיך קיין אָרשאַ, פונוואַנען מיר דאַרפן ערשט נעמען די אַקס, ווייל קיין באַן איז אין אונדזער שטעטל ניט געגאַנגען. גראָדע האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ באַקאַנטן בעל עגלה און ער נעמט מיך מיט די קינדער אָן געלט. פאָרן מיר שוין קיין ראַדעמישלע, עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַז מיר פאָרן; די פערד זיינען הויט און ביין דער פורמאַן האַלט זיי אין איין שלאָגן און זיי שלעפּן זיך, שלעפּן זיך אין דער פינצטערער נאַכט, פונקט ווי מענדעלעס קליאַטשע.

דער פראָסט ברענט, מיינע קינדערלעך זיצן שטיל ווי די טייבעלעך, הונגעריק און פאַרפרוירן, און איך בין נאָך אַזוי קראַנק, קוים וואָס איך לעב. און אַזוי שלעפּנדיק זיך אויפן וועג אַהיים, מיט דער האָפנונג צו טרעפן מיין מאַמען מיט די קינדער לעבעדיקע, טראָגט זיך פאַרביי מיינע אויגן דאָס גאַנצע לעבן מיינס; איך קוק אויף די קינדער און איך טראַכט, אַז מיר, אין זייערע יאָרן, איז נאָך אפשר ערגער געווען. לכל הפּחות האָבן זיי אַ מאַמע וואָס פאַרשטייט זיי און טראָגט די אחריות. עס פאַרדריסט מיך וואָס זיי ליידן און פאַר די ליידן פון דער וועלט. אָט אַזוי, איינגעדרייט

אין דרייען פון קעלט, טוליע איך זיך צו די מיידלעך און בעט גאָט צו באַגעגענען מיינע אינגעלעך וועלכע איך האָב שוין באַלד אַ יאָר ניט געזען.

די פערד שלעפן זיך, דער וועג ציט זיך אַזוי לאַנג. עס שפּראָצט שוין דער טאָג, דאָס האַרץ איז אָבער פאַרקלעמט און פול מיט פחד, ווייל מ'איז נאָך אַלץ ניט זיכער מיט דער מאַכט. דאָס לעבן איז נאָך אין סכנה פון באַהאַלטענע באַנדעס, אָבער ווי געזאָגט, מיר לעבן מיט דער האָפנונג.

עס איז פּונקט האַלבער טאָג ווען מיר דערזען די ברעגעס פון אונדזער שטעטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ חלום. אָט פאָרן מיר שוין אין שטעטל, און אָט שטעלט זיך שוין אָפּ די פור נעבן אונדזער הויז, וואָס קוקט איצט אויס ווי אַ קעלער. דער איינציקער פענצטער, וואָס איז געווען אין אונדזער הויז, איז פאַרשלאָגן מיט ברעטער — עס גלויבט זיך קוים אַז דאָ קענען וואוינען מענטשן. ווען מיר קומען אָבער צו און איך גיב אַ שטופּ די טיר לאָזט זי זיך עפענען.

דער פורמאַן טראָגט מיר נאָך דאָס קלימיקל, מיינע מיידעלעך גייען מיר נאָך. אָט זיינען מיר שוין אין הויז. איך דערזע מיין אַלטע מאַמע און מיינע אינגעלעך וועלכע ליגן אויך קראַנק. מיין מאַמע דריקט מיר צו איר האַרצן און זאָגט; אַציינד בין איך גע־גליכן צו אונדזער פאָטער יעקב וואָס האָט נאָך לאַנגע יאָרן פון בענקעניש דערלעבט צו זען זיין ליבן זון יוסף.

דער פורמאַן געזעגנט זיך און ער קריגט אַסך ברכות פון מיין מאַמען, וואָס ער האָט איר געבראַכט אַזעלכע טייערע געסט. איך קוק זיך אַרום אין שטוב וואו איך מיט מיינע קינדער וועלן דאַרפן לעבן, אין דער קבר־שטוב וואו עס געפינט זיך אויך מיין שוועסטער רחל מיט איר מאַן און צוויי קינדער, וואָס זיינען באַ זיי פאַרבליבן פון ניין; דער מאַן אירער ליגט אַציינד אַ גוסס אפן אויוון, לעבן אים ליגט אויך זייער אינגעלע לייבעלע; מיין רחלען איז שווער צו דערקענען. זייער מיידעלע פרומע איז די איינ־

ציקע אין שטוב, וואָס האָט נישט די חולאת. זי איז אָבער שטאַרק אויסגעמאַטערט פון האַרעוואַניע אַרום די חולאים.

אונדזער קעלער־שטוב איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. דער גרעסטער צימער איז געווען פאַרמאַכט, ווייל ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו באַהייצן, האָבן זיך אַלע געשטיקט אין די דלד אמות פון דער קיך. אַחוץ דעם וואָס מען האָט אין קיך אָפּגעטאָן אַלע מענטשלעכע באַדערפענישן און מ'איז שיעור דערוואָרגן געוואָרן פונם געשטאַנק און אומריינקייט, איז מען אויך פאַרפייניקט געוואָרן פון די לייז, און אונדזער הויז איז ניט געווען קיין אויסנאַם. דערפאַר איז גאָר ניט קיין חידוש, וואָס מענטשן זיינען דאַן געפאַלן ווי פליגן. די כאָלעריע האָט געבושעוועט אין אַלע הייזער; אַ גרויסער טויטן־וואָגן איז אַרומגעפאָרן און אויפגעזאַמלט די מתים און אָנגעלייגט אינם וואָגן אַזויפיל וויפיל דער מאָגערער פערד האָט געקענט דערשלעפּן. קיינער איז דאַן צו קיין לויה ניט געגאַנגען, ווייל די פּרעסט זענען געווען אומדערטרעגלעך, האָט קיינער ניט געוואוסט אַפילו וואו און ווי אַזוי מע האָט מקבר געווען די ליבסטע און טייערסטע. מ'האָט דאַן ניט באַוויינט קיין טויטע, ווייל די לעבעדיקע האָבן די טויטע מקנא געווען; אָט אַזאַ לאַגע האָב איך געפונען אין מיין היים ווען איך בין צוריקגעקומען פון קיעוו.

ווי קראַנק און שוואַך איך בין געווען, האָב איך געפילט אַז עס מוז עפּעס געטאָן ווערן צו פאַרלייכטערן דאָס אומגליק וואָס האָט אַרויסגעוויינט פון יעדער שפּאַן אין אונדזער הויז. איך האָב געזען אַז מיין שוועסטערס גוססדיקן מאָן זאָל מען צונעמען אין שפּיטאָל. מיין שוועסטער מיט די קינדער האָב איך פאַרזאָרגט, מיט דער הילף פון גוטע פריינט, מיט אַ פיינעם צימער. איך בין אַוועק צום גלעזער און אים געבעטן האָט ער אַריינגעשטעלט, אויף באָרג, אַ פענצטער. איך האָב געקויפט אַביסל גאַז פאַרן לאָמפּ און האָלץ פאַרן אויוון, איינגעהייצט דעם אויוון און אויפגעקאָכט וואַסער. איך האָב אַרומגעוואַשן מיין אַלטע קראַנקע מאַמע און זי האָט מיך געהאַלטן אין איין בענטשן.

איך האָב צעפּאַקט מיין באַגאַזש און האָב געוויזן מיין מאַמען די וויסע ליילעכער וואָס רחלע מייזל האָט מיר געגעבן; די מאַמע שטראַלט אויף פון פרייד און זאָגט מיר, ניין טאָכטער מיינע, די ליילעכער זאָלסטו ניט נוצן, זאָלן זיי זיין מיינע תכריכים; זעסטו מיין קינד, טאָג און נאַכט האָב איך גאָט געבעטן אַז פאַר מיין טויט זאָל איך זוכה זיין דיך צו זען, און אַט ביזטו געקומען, ווי אַ גוטער שליח ביזטו געקומען און מיר געבראַכט די אייביקע קליידער.

מיין שוועסטערס מאַן און זייער אינגעלע גייען פון דער וועלט און עס נעמט עטלעכע טעג ביז מ׳האָט זיי באַערדיקט. פון ערגערניש פאַלט מיין שוועסטער אַריין אין משוגעת. זי איז אַזוי צעווילדעוועט אַז זי וויל מיך דערהרגענען; פאַרוואָס, האַלט זי אין איין שרייען האָסט דו באַדאַרפט האָבן אַ נייע אָרדנונג? מיר, שרייט זי מיט ווילדע קולות, איז דאָך אַזוי גוט געווען! און זי לאָזט זיך צו מיר מיט ווילדקייט, ס׳געלינגט מיר זיך אַריינצוכאַפּן אין צווייטן צימער און איך פאַרהאַק אונטער זיך די טיר, איך רעד צו איר פון דער צווייטער זייט טיר. איך דערמאָן איר וועגן דער שיינער גוטסקייט פון איר לעבן. ווי אַזוי זי פלעג זיך שלעפּן מיט די עמערס מילך צו רייזע אַרנשטיין, ווי צוויי קינדער זענען באַ איר דערשטיקט געוואָרן, ווי איר מאַן האָט געאַרבעט שווער און ביטער און האָט ניט געקענט געבן קיין ברויט צו זאַט זיין פאַמיליע. וואָס פאַר־אַ־גוטסקייט איז באַ דיר געווען, שוועסטער מיינע?

אך האַלט צו די טיר באַ דער קליאַמקע און רעד ווייטער, איך רעד צו איר וועגן מיין לעבן, ווי איך האָב עס אָפּגעפּיבצטערט, אָן לופט און אָן זונשיין, פון מיין פריעסטער יוגנט ביז איך שוין עקספּלאָטירט געוואָרן אויפן שרעקלעכסטן אויפן. און זע ווי איך מוטשע זיך אַצינד, צו מיינע עטלעכע און צוואַנציק יאָר; רחל, שוועסטער מיינע, דיין אומגליק איז דאָך אויך מיין אומגליק. מיר זענען דאָך אַזוי אויך געגנוג דערשלאָגן, שלאָג מיך ניט שוועסטער מיינע!

איך הער מיין שוועסטערס געוויין אויף יענער זייט טיר. זי וויינט מיט בלוטיקע טרערן, לאַנג, לאַנג, — איר ביטער געוויין קלינגט מיר נאָך אַצינד אין די אויערן.

איך עפן די טיר און מיר פאַלן זיך אַרויף אויף די העלדזער. מיר וויינען און מיר ריידן אַ לאַנגע צייט און מיר באַמערקן ניט אַז אין דערזעלביקער צייט האָט אונדזער מאַמע אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם־צוג.

מיין מאַמע איז געשטאָרבן אינם עלטער פון צוויי און זיבעציק יאָר. איר לעבן איז געווען אַ לאַנגע קייט פון יסורים און פיין. זי איז געלעגן איינגעוויקלט אין אירע ווייסע־אייביקע מלבושים ווי אַ הייליקע מאַרטירערין; אַ שמייכל פון גליקזעליקייט און צופרידנקייט האָט גערוט אויף איר פנים; דורכגעפירט האָט זי אַ מיסיע פון צערטלען און היטן אירע און מיינע קינדער און אַוועק אין דער אייביקייט; פאַר מיר און מיינע קינדער לעבט זי אייביק, ווייל אין אונדזערע לעבנס איז זי תמיד געווען אַ ליכטיקער שטראַל.

מאַמע און קעמפּעריין

אײדער די סאָוויעטן מאַכט האָט זיך נאָך געהאַט אײנגעפונדעוועט, באַלד נאָך מײן מאַמעס טויט, בין איך אָנגעקומען אַלס פּראַקטיקאַנטקע אין דער געזונט אָפּטײלונג. די געזונט־אָפּטײלונג האָט באַשלאָסן אַז איך זאָל פאָרן קײן קיעוו אויף קורסן, ווײל קײן סיסטעמאַטישע בילדונג האָב איך ניט געהאַט אַז איך זאָל קענען דערלערנען די אַרבעט וואָס מען האָט מיר אָנפאַרטרויט. מײן שוועסטער גײט אײן דאַרויף אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויף מײנע קינדער און איך פאָר אַוועק קײן קיעוו.

פונקט אין דער וואָך וואָס איך בין אָנגעקומען אויף די קורסן האָבן זיך אָנגעהויבן נײע אומרועןָ. עס הערן זיך קלאַנגען אַז די מאַכט פאַרלאָזט די שטאָט — אַ נײע מאַכט פאַרנעמט קיעוו. די נײע מאַכט וואָס האָט טאַקע פאַרכאַפּט קיעוו איז געווען די פּוילישע. בלײב איך שוין שטעקן אין קיעוו.

די קיעווער גאַסן ווערן פאַרפלײצט מיט דעם פּוילישן מיליטער. גאַנצע מחנות, אויסגעשטאַרצט אין נײע יוניפאָרמעס און אַמוניציע, ערשט פון דער נאָדל אַרויס, מאַרשירן מיט פּראַכט און גלאַנץ. אַלע זענען געווען מיטן אײנדרוק אַז זײ, די פּאָליאַקן, וועלן שוין רעגירן איבער רוסלאַנד; עפּעס אַ קלײניקײט, אַזויפיל חילות, מיט אַזויפיל פּראָוויאַנט און אַלץ פונם שענסטן און בעסטן, אוודאי וועלן זײ זײן די רעגירער! אַזוי האָבן גערעדט מענטשן וואָס האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַז דאָס איז בלויז אויף אַ ווײלע.

איך האָב באַשלאָסן באַ זיך, אַז אין קיעוו וועל איך ניט פאַרבלײבן. אין דערהײם האָב איך איבערגעלאָזט מײנע קינדער און איך מוז קומען צו זײ צוריק. איך לאָז זיך צום וואָקזאַל. דאָרטן

זע איך געפּאַקטע וואַגאָנען מיט פויערים און סאָלדאַטן. מיין אויס־זען איז פון אַ פויערטע, טראַכט איך אַז איך וועל זיך אויך אַריינ־כאַפּן אין אַ וואַגאָן. איך שטופּ זיך אַריין אין אַ טעפּליושקע, באַזעץ זיך אין אַ ווינקעלע און וואַרט וואָס סוועט זיין קיין געלט האָב איך ניט. דער קאָנדוקטער קומט צו און פרעגט מיך אויף אַ בילעט כאַפּ איך זיך זוכן אין אַלע קעשענעס. איך זוך און זוך ביז דער באַן הייבט זיך אָן צו רירן אָט אַזוי טו איך אויף יעדער סטאַנציע ביז איך פאַרשלעפּ זיך קיין אָרשאַ.

דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אָרשאַ אינמיטן דער נאַכט. נעכטיקן האָב איך ניט וואו לאָז איך זיך מיטן וועג וואָס פירט אין מיין שטעטל. מיין מאַרשרוט איז דורך אַ וואַלד אַ געדיכטן. דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס פון מורא. אפשר לויערן אַרום באַנדעס אין וואַלד? מיינע פיס ווערן מיר שרעקלעך מיד. פּלוצים דערהער איך אַ פור פאָרט אונטער מיר. שטעל איך זיך שוין אָפּ אינמיטן וועג און וואַרט ביז די פור דערנעענטערט זיך צו מיר. אין וואָגן זיצט אַ פּרוי איינגעקאָרטשעט, און דער פורמאַן איז אַן אַלטער מאַן. איך פרעג זיי צי זיי ווילן מיך מיטנעמען, —זיי פאָרן אין דערפל ליטיפקע, אינגאנצן צוויי וויאָרסט פון ראַדעמישלע. די גויע וואָרטשעט און דער אַלטער הייסט מיר אַריינקריכן אין וואָגן.

ווען דער וואָגן הייבט זיך אָן צו רירן פון אָרט, גלויב איך אַליין ניט אַז איך פאָר. מיינע פיס און אַלע אברים טוען מיר ווי און אין בויך באַ מיר שפּילט אַ גאַנצער אָרקעסטער — דעם גאַנצן וועג האָב איך גאָרניט געהאַט אין מיין מויל. בלויז דער געפיל אַז איך וועל אינגיכן זיין אין דערהיים לעבן מיינע קינ־דער האַלט מיך אויף פון צוזאַמענברעכן.

די פור פאָרט פאַמעלעך. איך זיץ און שווייג. איך ווייס אפילו ניט צי דער פורמאַן ווייסט מיין אָפּשטאַם. ער לאָזט מיך אַראָפּ אין זיין דערפל. איך געזעגן זיך מיט אים און מיט זיין פרוי און לאָז זיך מיטן שליאַך, וואָס פירט אין מיין שטעטל.

אַ טאָג האָט זיך געשטעלט זייער אַ שיינער, וואָרף איך אַראָפּ מיינע שיך און גיי שוין אַ באָרוויסע.

אויף ביידע זייטן וועג ציען זיך שלאַנק־אויסגעצויגענע סאָסנע־ביימער, וואָס שמעקן מיט אַנגענעמע ריחות. די פייגעלעך גיבן אָפּ דעם שענסטן קאָנצערט. זייער היים איז געבליבן גאַנץ, זינגען זיי זייער ליד מיט גרויס געפיל. איך טראַכט בשעת מעשה, אַז איך בין אויך געגליכן צו אַ פויגל, וואָס די נעסט האָט מען איר צעבראָכן און אירע פייגעלעך זיינען געבליבן היימלאָז — אַ פאַרוואָגלטע נשמה, טראַכט איך, וואָס אַלעמאָל דריי איך זיך אַריין אין פרישע צרות און לאָז איבער מיינע קינדער אויף גאָטס באַראָט. מעג אַ מאַמע אַזויפיל ריזיקירן? האָט זי אַ רעכט צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, איבערלאָזן זיי אויף פרעמדע הענט, און אַליין זיך אַוועקלאָזן זוכן דעם וועג וואָס וועט ברענגען ליכט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט? מיט די געדאַנקען דער־נעענטער איך זיך צו מיין שטעטל. איך באַגעגן שוין באַקאַנטע מענטשן. איך רעד אָבער צו קיינעם נישט. איך וויל שוין וואָס שנעלער זיין אין דערהיים און זען מיין שוועסטער און מיינע קינ־דער.

מיין אָנקומען אַהיים איז געווען אַזוי ווי פון יענער וועלט. די פרייד פון מיינע קינדער און פון מיין שוועסטער קען מען גאָרניט באַשרייבן מיט ווערטער. די גאַנצע גאַס האָט זיך גע־קאָכט פון מיין אָנקומען. אַלע האָבן געוואָלט וויסן ווי אַזוי איך האָב דאָס געמאַכט און ווי אַזוי די פּאָליאַקן האָבן זיך צו מיר באַצויגן. דערציילן, ווי דער אמת איז, איז ניט געווען וואָס, אַחוץ וואָס מיר איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון קיעוו.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז פון די קליינע שטעטלעך אַרום קיעוו זאָל די אַרמיי זיך אויפזאַמלען אויפן גרויסן טראַקט פון אַרשאַ, וואו עס לויפן די באַן־ליניעס. די טעג זיינען געציילטע. די באַפעלקערונג ווייסט, אַז זי בלייבט ווי אויפן וואַסער. געדענקענדיק די לעצטע פּאָגראָמען, האָבן אַסך מענטשן באַשלאָסן צו מיטגיין מיט דער רויטער אַרמיי.

איך בין נאָר וואָס געקומען פון קיעוו

אונדזער שטאָט האָט זיך עוואַקואירט. איך באַשליס ווידער איבערלאָזן מײַנע קינדער בײַ מײַן שוועסטער רחל און אַליין וועל איך מיטפאָרן מיט מײַנע חברים צום פראָנט. איך פאַרטרוי רחלען מײַן באַשלוס — פאַר מײַנע קינדער דאַרף דאָס דערוויַיל בלײַבן אַ סוד. איך זאָג אָן מײַן שוועסטער, אַז אין קאַמער איז פאַראַן פיר פּוד זאַלץ, וואָס איך האָב געקראָגן אַלס אָנגעשטעלטע, און אַז זי וועט דאַרפן עפּעס קויפן, זאָל זי באַצאָלן מיט דעם פּראָדוקט, וואָס איז דאַן געוועזן נאָך טײַערער פון געלט. מײַן רחל שטימט צו צום פּלאַן און איך נעם זיך גרייטן אין וועג אַרײַן.

איך לייג מײַנע קינדער שלאָפן — איך ווייס אַליין נישט, ווי איך האָב געהאַט דאָס האַרץ צו טאָן אַזאַ זאַך. איך בין געווען יונג און די באַגײַסטערונג פון גיין אויפן פראָנט האָט גובר געווען די מאַמע אין מיר; ליגן די קינדער אין די בעטן. מײַן ביילקעלע וויל נאָר אַז איך זאָל זיך צולייגן לעבן איר. זי קלאַמערט זיך איין מיט אירע קליינע הענטעלעך ארום מײַן האַלדז און האַלט מיך אין איין קושן. חנהלע, מאַטעלע און איציקל, דערציילן מיר אַלע אינאיינעם וועגן דעם גליקלעכן טאָג וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע שפּילערייען און זיי זײַנען זייער צופרידן, וואָס איך ליג איצט מיט זיי. מײַן חנהלען, זי איז בײַ מיר די עלטסטע, זאָג איך דערוויַיל אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויף די קלענערע קינדער, ווען איך וועל ניט זײַן מיט זיי; וואָס, זעצן זיך אַלע פיר אויף מיטאַמאָל, מאַמע, דו ווילסט דען אַוועקגיין? טרערן זע איך קייקלען זיך פון די קינדערס אייגעלעך און איך ווער זייער שטאַרק גערירט דערפון. מײַן באַשלוס איז אָבער ניט געענדערט געוואָרן. איך מוז פאָרן אונטער אַלע אומשטענדן.

ענדלעך זיינען די קינדער איינגעשלאָפן. איך געזעגן זיך מיט מיין שוועסטער און גיי צו מיין גרופּע. מיין גרופּע, צווישן וועלכער עס זיינען פֿאַראַן בלויז צוויי פֿרויען, איך און די רוסישע מיידל קאַטיאַ, וואַרטן אויפֿן לעצטן פּאַסאַזשיר, דאָס הייסט אויף מיר. אַלע זיינען שוין געווען אומגעדולדיק — געמיינט, אַז איך האָב חרטה געהאַט.

די פֿורן זיינען שוין געשפּאַנט. אַ חבר גיט מיך אַ הויב אויף און איך געפֿין זיך שוין אין וואָגן לעבן קאַטיאַן. אַלע זעצן זיך אַריין אין דעם הויכן וואָגן, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט שטרוי און מיר פֿאַרלאָזן די שטאָט. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אַזוי שנעל, אַז מיין האַרץ האָט אפֿילו קיין קלאַפּ נישט געטאָן. עס איז מיר געווען פֿריילעך, ווייל מיר גייען אויפֿן פֿראָנט צו פֿאַרטיידיקן אונדזער היימלאַנד.

די רייזע האָט אינגאַנצן גענומען דריי שעה. מיר שטעלן זיך אָפּ אין אַ דאָרף און וואַרטן אויף אַ באַפֿעל פֿון קאָמאַנדיר ווען מיר זאָלן פֿאָרן ווייטער. עס איז שוין דערווייל שפּעט אינאָוונט, שפּאַנט מען אויס די פֿערד, און מיר לאָזן זיך אַריין אין אַ פּויערשער כאַטע איבערצונעכטיקן. די כאַטע באַשטייט פֿון איין צימער. אינמיטן איז דער אויוון און באַ דער זייט שטייט די איינציקע בעט אין וועלכער עס שלאָפֿט די גאַנצע פֿאַמיליע. פֿאַר אונדז שפּרייט מען אויס שטרוי אויף דער ערד און מיר צעלייגן זיך אַלע שלאָפֿן.

איך מיט קאַטיאַן ליגן אין אַ ווינקל. מיד פֿון וועג איז מען געווען, שלאָפֿט מען איין געשמאַק. איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין געשלאָפֿן, עס האָט זיך אָבער געפּלאָנטערט אַ חלום פֿון מיינע קינדער און איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מיך. וואו בין איך, וואָס האָב איך געטאָן? איך זעץ זיך אויף, קאַטיאַ כראָפּעט געשמאַק און אַ גרופּע חברים זיצן באַם אויוון. אויפֿן פּריפּעטשיק איז צעלייגט אַ פֿייער און זיי שפּילן אין קאָרטן, ריידן צווישן זיך אין דער שטיל. איך שטעל זיך אויף, טרערן גיסן זיך פֿון מיינע אויגן. זיי דערשרעקן זיך און פֿרעגן

צי איך בין קראַנק. איך דערצייל זיי פון מיין חלום און אַז איך בענק נאָך מיינע קינדער. קוקן זיי זיך איבער, שמייכלען און זאָגן מיר: טאָוואַרישטש דאָרא, איצט איז ניט קיין צייט פאַר סענטימענטן, מיר גייען איצט אויפן פראָנט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון אַרבעטער־קלאַס און דו טראַכטסט גאָר פון דיינע קינדער! אַ רעוואָלוציאָנער ווידמעט זיך צו דער רעוואָלוציע און דאַרף פאַרגעסן דאָס פּערזענלעכע לעבן. איך ענטפער זיי: יאָ, חברים, מיטן געדאַנק פאַרשטיי איך, אַז איר זענט טאַקע גערעכט, מיין האַרץ וויל דאָס אָבער ניט באַנעמען, איך פיל אַז איך דאַרף די מינוט גיין צוריק, איך זאָל אָנקומען איידער מיינע קינדער כאַפּן זיך אויף און דערוויסן זיך אַז זייער מאַמע האָט זיי פאַרלאָזן. מיינע חברים האָבן מיר מיטגעפילט און זיי עצהן מיך, אַז איך זאָל גיין צום קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטיילונג און אים איבער־געבן מיין באַשלוס. אָנטאָן זיך האָב איך ניט געדאַרפט, ווייל איך בין געשלאָפן אין מיינע קליידער, בין איך גלייך אַוועק צום קאָמאַנדיר.

דער קאָמאַנדיר, חבר יאצעווסקי, זייער אַ גוטער חבר, הערט מיך אויס, באַטראַכט מיך זייער ערנסט און פרעגט מיך: ווייסטו, חברטע דאָרא, אַז אויב עס וועט אין שטאָט אַריינקומען אַ נייע מאַכט וועט מען דיך דאָרט דערהרגענען? מיין ענטפער איז גע־ווען: יאָ, איך ווייס, אָבער אַצינד וויל איך זיך מיט גאָרנישט ניט זיך רעכענען. איך בענק נאָך מיינע קינדער, איך שעם זיך פאַר זיי — אַ מאַמע האָט געבראַכט קינדער אויף דער וועלט און איבערגעלאָזט זיי ווי אויפן וואַסער. זיי וועלן בענקען נאָך מיר און פון בענקשאַפט קענען זיי נאָך שטאַרבן, דעמאָלט וועט מיין גאַנצער לעבן זיין מיט חרטה — פאַרוואָס האָב איך זיי פאַר־לאָזן? חבר יאצעווסקי האָט מער ניט געפּרוּווט מיך צו פאַר־האַלטן. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ „פּערעפּיסקע” אַז איך בין פריי צו גיין צוריק אין שטאָט אַריין.

מיט גרויס פרייד לויף איך צו די חברים. קיינער שלאָפט אַצינד ניט. קאַטיא איז שוין אויך אויפגעשטאַנען און זי ווייסט

שוין פון מיין באַשלוס. זי פילט מיט מיין בענקשאַפט נאָך די קינדער, כאָטש זי איז נאָך אַ מיידל.

אַלע זייגען באַאומרואיקט פון דעם וואָס ס'איז אינמיטן דער נאַכט און מ'קען קיין פור ניט קריגן. מיך שטעלט אָבער קיין זאַך ניט אָפּ. איך געזעגן זיך מיט זיי און אין דער טיפער פינצ־טערניש פון דער נאַכט לאָז איך זיך אַרויס אויפן וועג וואָס פירט צו מיין שטעטל. איך לויף ווי אַ הירשין, איבער צווייגן און אי־בער שטיינער. איך לויף אַ באָרוועסע און צעבלוטיק זיך די פיס. איך וויל שנעלער אָנקומען, יעדער מינוט איז מיר טייער, איך וויל אָנקומען ווען אַלע שלאָפן נאָך.

אָט הייבט שוין אָן צו שאַריען אויף טאָג. אויפן וועג קומט מיר קיינער ניט אַנטקעגן, מיר דוכט זיך אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך. און אָט געפין איך זיך שוין אין אונדזער פאָרשטעטל, וואָס מען רופט די „ליטיפקע". איך כאַפּ אָפּ דעם אָטעם און לויף וויטער מיט דעם זעלביקן געלאָף און שנעלקייט.

איך זע שוין די קלויסטער־שפיצן — אַ סימן, אַז איך בין שוין כמעט אין שטאָט. און אָט בין איך שוין אויף דער טשער־נאָבעלער גאַס, אויף דער שול־גאַס, דאָ איז מיין שטיבעלע וואָס די פענצטער ליגן באַגלייך מיט דער ערד. אָט שטיי איך שוין באַ מיין טיר. דאָס האַרץ קלאַפּט, דער שוויס רינט פון מיר, איך בין אָבער אָנגעקומען אין צייט.

איך עפן פּאַמעלעך די טיר, שאַר זיך אַריין ווי אַ גנב אין הויז. מיין רחל ליגט מיט איר קינד אין ערשטן צימער און מיינע קינדער שלאָפן אין צווייטן צימער — זיי שלאָפן, מיינע פייגע־לעך און ווייסן גאָרניט וואָס זייער מאַמע האָט געוואָלט זיי אָפּטאָן. איך פאַל־צו צו מיין ביילקעלען, נורע איין מיין קאָפּ אין אירע קליינע הענטעלעך און וויין אין דער שטיל; איך וויין וואָס איך בין ניט געווג שטאַרק. און אַזוי וויינענדיק, צוגעטוליעט צו מיינע קינדערלעך, האָט אַ שיינער פרימאָרגן אַריינגעשיינט אין שטוב.

מיין שוועסטער איז געווען די ערשטע מיך צו דערזען און זאָגן מיר, אַז זי האָט געוואוסט, אַז איך וועל ניט פאָרן. זי האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז איך בין יאָ געפאָרן און צוריקגעקומען אין דערזעלביקער נאַכט.

דער עפּיזאָד איז שוין דער לעצטער. אינגיכן האָט די רויטע אַרמיי פאַרטריבן די פּאָליאַקן. די פּאָליאַקן האָבן אַלץ איבער־געלאָזט הינטער זיך און זיי זיינען געלאָפן הענדום־פּענדום, נאַ־קעטע, איבער אַלע שטעגן און וועגן. דאָס איז שוין געווען דער לעצטער שטריט, וואָס די רויטע אַרמיי האָט געהאָט מיט די באַנדעס. די רעגירונגען האָבן זיך שוין מער ניט געביטן, עס האָט זיך גענומען ביסלעכווייז אַלץ איינצושטעלן. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אָנגיין רעגלמעסיק און האָט באַקומען אַ ספּעציפישן קאָליר; קלובן האָבן זיך געגרינדעט, קינדער־היימען זיינען אויפגעקומען און די מענטשן בכלל האָבן זיך איבערגעבויט.

באַ אונדז אין שטאָט ווערט איינגעשטעלט די אידישע סעקציע, איך בין דאָרטן אַקטיוו אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט און פיר אָן זייער גוט מיין אַרבעט; די יעווסעקציע שטעלט מיט זיך פאָר די אידישע קולטור־אַרבעט; מיר נעמען אויף אידישע שריפט־שטעלער און קינסטלער, מיר פאַרשפּרייטן דעם „עמעס”, מיר ברענגען אַרונטער אַ אידישן טעאַטער פון קיעוו און מיר אָרגאַ־ניזירן די סאַמע בעסטע טאַלאַנטפולע פון דער אידישער יוגנט אין אַן אַמאַטאָרן־טעאַטער, אונטער דער פירערשאַפט פון אַ גוטן רעזשיסאָר, וואָס ווערט געבראַכט פונם צענטער.

מיין חלום איז פאַרווירקלעכט

איך קלייב זיך אַרויס פון מיין קעלער־שטוב. די באָלשעוויסטישע אָרדענונג האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט. איך גיי דאַן אַריין אין דער געזונט־אָפּטיילונג. מיין שוועסטער רחל און איר קינד זיינען באַ מיר אין דער וואוינונג, און מיינע קינדער גיב איך אַריין אין אַ קינדער־היים. מיין רחל באַקט לעקעך און פאַרדינט אויף איר לעבן. מיט דער סאָוועטישער רעגירונג איז זי ניט צופרידן.

מיר איז אין יענע טעג זייער גוט, מיין חלום ווערט פאַרווירקלעכט. די סאָוועטן־מאַכט באַשטראַלט מיין לעבן ווי אַ ליכטיקער טורעם. די אָרעמע און פאַרוואָגלטע מענטשן קריגן אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט. קינדער וועלכע האָבן זייערע עלטערן פאַרלוירן, קריגן וואַרעמע היימען מיט אויפזיכט פון די בעסטע לערערינס, וואָס ווערן אויפגעפאָדערט צו אַרבעטן אין די קינדער־היימען. מיט מיין הילף ווערט אויסגעבויט אַ היים פאַר דער מאַמע, וואָס דאַרף געבן געבורט. דער פּלאַץ ווערט איינגעאָרדנט מיט דער נייעסטער טעכניק. איך פאַרנעם דאָס אָרט פון אַ פאַרוואַלטערין.

פון אָנהייב האָבן די פרויען ניט געוואָלט קומען אין דער היים פאַר דער מאַמע מיטן קינד. זיי האָבן געמיינט, אַז נאָר גאַסן־פרויען קענען אַריינקומען אין אַזאַ אַנשטאַלט. מיט דער צייט האָבן זיי זיך אָבער צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז דער אַנשטאַלט איז אויפגעבויט געוואָרן פאַרן וואוילזיין פון אַלע פרויען. אַלע פרויען וואָס זיינען אָנגעקומען אין דעם אַנשטאַלט זיינען דאַן דאַנקבאַר געווען דער רעגירונג, וואָס האָט זיי געגעבן אַזאַ וואַרעמע היים, ריינקייט, עסן און טרינקען פון דאָס בעסטע,

ווייל פֿאַר מוטערס און קינדער האָט מען אַלץ פֿאַרזאָרגט, אפילו ווען ס'איז געווען שווער צו קריגן.

פֿאַר מיר איז דאָס לעבן געווען אַ פֿרייד. איך בין פֿריי, איך ברענג נוצן דער געזעלשאַפֿט מיט מיין אַרבעט, פֿאַר וועלכער מ'האָט מיר אגב זייער גוט באַצאָלט.

מיינע קינדער זיינען ניט צופֿרידן אין דער היים. עס איז זיי דאָרטן ניט גוט, ווייל זיי ווילן האָבן די מאַמע לעבן זיך. אַזאַ זאַך איז אָבער ניט געווען דערלויבט, ווייל ווען קינדער האָבן לעבן זיך די מאַמעס ווערן זיי צו חשוב באַ זיך, און כדי אַז אַלע קינדער זאָלן זיין גלייך, מוזן די מאַמעס זיין אָפּגעזונדערט פֿון זיי. מיר איז אויך ניט געווען אַזוי גוט, ווייל אַ מאַמע בין איך מיט אַלע פּישטשעווקעס און איך האָב טאַקע פּשוט געבענקט נאָך די קינדער.

אין יענער צייט האָב איך זיך געפֿונען צווישן צוויי פֿייערן: די קינדער און דאָס פֿרייע לעבן; אָט זיץ איך אין טעאַטער און זע אַ גוטע פֿאָרשטעלונג. אַלץ אַרום איז אַזוי יום טובדיק, די מוזיק שפּילט צווישן די אַקטן, דער עולם און איך מיט אים איז פֿול מיט באַגייסטערונג, יונג און פֿריילעך; עס פֿעלן אויך ניט קיין פֿאַרעהרער, וועלכע זאָגן מיר גוטע ווערטער. איך לאַך און אַלע ווערן פֿאַרכאַפּט פֿון מיין געלעכטער; איך פֿיר מיט זיך אַ שווערן קאַמף! מאָמענטנווייז ווין איך מיט בלוטיקע טרערן. איך ווין אויף מיין פֿרילינג, איך וויל לעבן און קען ניט, ווייל אין מיר זיינען איינגעוואָרצלט די אַלטע געוואוינהייטן. איך שעם זיך, דערהויפּט פֿאַר מיינע קינדער, וואָס איך האָב זייער ליב און זיי זיינען באַ מיר טייערער פֿון אַלץ אין דער וועלט. די אַלע וואָס דערקלערן זיך מיר אין ליבע שענק איך קיין אויפֿמערקזאַמקייט, ווייל איך ווייס אַז דאָס איז ניט קיין ליבע, און הפקרותדיק וויל איך ניט ווערן, ווייל איך טראָג די אחריותן פֿון אַ מאַמען.

מיין בעסטע חברטע איז דעמאָלט געווען סאָניא בראַסילעווו־סקי, אַ צוואַנציק־יאָריקע פֿלאַם־פֿייערדיקע מיידל, אַן איינבינ־

דערס טאָכטער און אַ געענדיקטע פון דער גימנאַזיע. אַז סאָניא פלעגט רעדן צו אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג האָט זי געזומען דעם עולם מיט שטורעם. אירע רייד זיינען געפאַלן אַזוי ווי באַלזאַם און געהיילט אַלע הערצער. מיט אירע ערשטע ווערטער, חברים און בירגער, וועלכע האָבן אָפּגעקלונגען אַזוי אמתדיק, האָט זי אַלעמען צוגעשמידט צו די ווערטער; סאָניא איז ניט געווען קיין שיינע, אָבער זייער חנעוודיק און קלוג. מיר האָבן ביידע געאַרבעט אויף פאַרשיידענע געביטן: זי איז געווען איינע פון די אָנפירנדיקע מענטשן אין דעם איספּאָלקאָם, און איך האָב פאַרנומען אַן אָרט אין דער געזונט־אָפּטיילונג. מיר פלעגן זיך אָבער צוזאַמענטרעפן יעדן פרימאָרגן אויפן פעלד צו די איבונגען און יעדן אָוונט צו די פאַרזאַמלונגען, אָדער באַ מיר אין צימער וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען חברים און גוט פאַרברענגען.

סאָניא האָט זיך באַקאַנט מיט אַ חבר און האָט זיך פאַרליבט אין אים און ער האָט געענטפערט מיט ליבע אויף אַ ווײַלע. איר האַרץ ווערט צעבראָכן. איך פיל איר מיט און איך באַגרייף זייער גוט דעם ווייטיק פון אַזאַ שפּיל „ליבע אויף אַ ווײַלע". קיינער איז נאָך דעמאָלט ניט געווען צוגעגרייט צום געדאַנק, אַז ליבע דאַרף ניט זיין קיין אייביקייט. דאָס האַרץ פון דער יוגנט פלעגט פאַר־וואונדעט ווערן און עס האָט שטאַרק געליטן, ביז מ'איז פאַרהאַר־טעוועט געוואָרן און אַלץ איז געוואָרן נאַטירלעך; ווילסטו ליב האָבן, האָב ליב, אָבער קיין טרערן און סצענעס זאָל ניט געמאַכט ווערן — מיר לעבן אין אַ נייער צייט!

יאָ, די צייט איז טאַקע געווען אַ נייע, די מענטשן זיינען אָבער געווען אַלטע, ניט אַזוי אין די יאָרן ווי אין זייערע גע־וואוינהייטן, און ס'איז געווען זייער שווער זיך איבערצוברעכן, צו גיין אויף נייע וועגן.

איך באַקען זיך מיט אַ נייער גרופּע. אַ גרופּע וואָס די מער־סטע פון זיי קומען פון דער געוועזענער בורזשואַזיע, אַלע ניט קיין אידן. אַ נייער עלעמענט, וואָס די רעגירונג האָט געצוואונגען אַריינצוקומען אין דער געזונט־אָפּטיילונג. די הויפּט־טוער'ין פון

דער גרופּע איז געווען די מאַדאַם גאַרבאַץ. זי איז געווען אַ פּראָפעסאָר פֿון קינדער־דערציאונג, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן און קיין קינדער האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט. זי האָט שטענדיק געוואוינט הינטערן שטאָט, אין אַ פּראַכטפולן פּאַלאַץ מיט אַלע נייעסטע איינריכטונגען, מיט אַ גאָרטן וואו עס האָט געוואַקסן די בעסטע פּירות. זי און איר מאַן, אַזוי גוט ווי אַלע זייערע פריינט, זיינען קיין פריינט פון דער סאָוועטן־מאַכט ניט געווען. ווען זייער פּאַלאַץ איז רעקוויזירט געוואָרן פאַר אַ קינדער־היים און די מאַדאַם גאַרבאַץ איז באַשטימט געוואָרן אין געזונט־אָפּטיילונג, ווערט זיי אָפּגעגעבן דער גאַנצער ערשטער פליגל פאַר אַ וואוינונג און עס ווערט זיי אויך געגעבן אַ פיינער חודשלעכער פּאַיאָק. איז קיין פראַגע ניט, אַז זי האָט זיך שנעל אַריינגעפּאַסט און איר אַרבעט איז געוואָרן אַ טייל פון איר לעבן.

די מאַדאַם גאַרבאַץ האָט געהאַט די אויפזיכט אויף מיין „היים פון דער מאַמע מיטן קינד” וואו איך בין געווען די פאַרוואַלטערין. זי איז געווען אונדזער אינסטרוקטאָרין און אין אונדזער צוזאַמענאַרבעט איז געווען גרויס אַכטונג; זי האָט ממש באַוואונדערט מיין פּינקטלעכקייט. די הויז און אַלץ וואָס איז געווען אונטער מיין השגחה איז שטענדיק געווען אין דער בעסטער אָרדענונג. די סידעלקעס האָבן געמוזט טאָן זייער אַרבעט פּינקטלעך, די קראַנקע האָבן געמוזט קריגן זייער שפּייז אין צייט און פונם בעסטן. די שפּייז־אָפּטיילונג האָט אויסגעטיילט פריער פאַר די קינדער־היימען און די שפּיטאָלן, און אַבי די פאַרוואַלטער זיינען געווען אין צייט און געטראַכט פון זייערע פליכטן, איז קיין פראַגע ניט, אַז אַלץ איז געגעבן געוואָרן אין דער פולער מאָס.

דער סאַבאָטאַזש איז אָבער אין יענעם יאָר געווען זייער גרויס, ווייל פון אַלע אָנגעקומענע טוער איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל זיין פאַר דער סאָוועטן־מאַכט. זיי האָבן אַלע געבענקט נאָך די אַלטע פאַראָנדקעס, וואו זיי האָבן געקענט אָפּנאַרן, אויסנאַרן און בכלל לעבן פון ווינט. די נייע מאַכט איז איינגעשטעלט געוואָרן מיט אָט־אָ־די אַלע, וואָס האָבן צו איר קיין ליבע ניט

געהאַט, איז פאַרשטענדלעך, אַז אַלץ איז געגאַנגען ניט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין; די וואָס זיינען אָבער געווען איבערגעגעבן מיטן האַרצן האָבן געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז מ'וועט די צייט אויך איבערקומען. עס האָט אָבער פּאַסירט, פּונקט דאַן ווען אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס נייע לעבן פאַנגט זיך אָן איינצושטעלן, האָט זיך גאָר אָנגעפאַנגען די חלוקי דעות צווישן לענינען און טראָצקין. איך בין געווען פאַר דער נייע ליניע פון לענינען, ווייל אין מיין אָריענטאַציע האָב איך איינגעזען, אַז טראָצקין ציט צום בענקל און פאַרן בענקל איז טראָצקי געווען גרייט אפילו אַלע־מען אומצוברענגען. ליענינס טאַקטיק איז געווען אַן ערלעכע. זיין „נעפּ” האָט געמוזט איינגעפירט ווערן. טראָצקי איז אָבער געווען קעגן דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק — פון זיינעט־וועגן האָבן מיר געמעגט פאַרלירן, אַבי ער זאָל זאָגן זיין וואָרט, וואָס האָט שוין סיי ווי קיין אָרט ניט פאַרנומען. איך שרייב אַצינד די ווערטער און פאַר מיינע אויגן שפּיגלען זיך אָפּ די אַלע פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון ביידע ריכ־טונגען און איך בין אַ לעבעדיקער עדות, אַז טראָצקיס נאָכ־פאָלגערשאַפט איז געווען זייער אַ קליינע, בעת מיט לענינען זיינען געווען אַלע.

די דיסקוסיעס אַרום דעם „נעפּ” זיינען געווען דערלויבט און זיי זיינען געווען זייער לעבעדיקע. בלויז די שונאים פון די סאָוועטן, ווען זיי האָבן געזאָגט אַז מען לאָזט ניט ריידן און דיס־קוסירן האָבן דאָס געוואָלט אַזוי זאָגן, ווייל דאָס וואָס זיי וואָלטן וועלן רעדן, וואָלט מען זיי זיכער ניט דערלויבט. ערלעכע מענטשן האָבן געקענט ריידן און מ'האָט זיי אויסגעהערט מיט דעם גרעסטן רעספּעקט.

דער פּעריאָד פון די יאָרן 1920־1922 איז געווען דער ערג־סטער, ווייל דאַן איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים. מען האָט באַדאַרפט אויס־ראָטן די באַנדעס, קראַנקשאַפט און הונגער, וואָס האָט געלויערט איבערן לאַנד. מען האָט געבויט אַ נייע לעבן אויף די חורבות

פונם אַלטן. דער בנין איז אַלעמאָל איינגעפאַלן, ווייל צווישן די בויער זיינען געווען אַסך קעגנער פון דער רעגירונג. גאָר אַסך האָבן אפילו באַהאַלטן אוצרות, מיט דעם אויסקוק אַז די סאָוועטן־מאַכט וועט אונטערגיין. יאָ, אַ שווערע צייט איז דאַן געווען, דאָס ניי־געבוירענע קינד איז אָבער געווען שטאַרקער פון אַלע שונאים, די רעוואָלוציע האָט גובר געווען.

עס שטעלט זיך איין דער אַפּאַראַט און מען הייבט אָן בויען בריקן פאַרן אָנקומענדיקן טאָג. עס ווערן באַזייטיקט די פאַר־רעטער, די מאַכט באַפעסטיקט זיך און די זון פון דעם נייעם מאָרגן שיינט אויף.

איך פאַרלאָז סאָוועטן־פאַרבאַנד

אין מיינע פריערדיקע קאַפּיטלעך האָב איך דערמאָנט אַז מיין שוועסטער רחל איז, אָן אַ פאַרוואָס, ניט געווען צופרידן פון דער רעגירונג; אַזעלכע ווי מיין רחל זיינען געווען זייער אַסך; זיי זיינען געווען צוגעבונדן צו די אַלטע טראַדיציעס און זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זיי! דערשלאָגן פון אַלע אומגליקן, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען אין איר לעבן, האָט רחל געוואָלט אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער לאַנד. און אַזוי ווי מיין מאַן איז אין אַמעריקע, האָט זי זיך גענומען צו מיר, געהאַלטן אין איין רעדן און איינרעדן מיר, אַז איך זאָל פאָרן צו מיין מאַן. זי פלעגט אויך גיין צו מיינע קינדער, וואָס זיינען געווען אין אַ קינדערהיים און זיי איינרעדן, אַז מ׳דאַרף פאָרן צום טאַטן קיין אַמעריקע.

אין יענעם יאָר האָט זיך גראַדע איינגעשטעלט די עמיגראַציע. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו פון אַמעריקע צו פרויען און אַנדערע קרובים. עס האָבן זיך אויך געיאַוועט אַזעלכע אַגענטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שמוגלען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין פוילן, פרויען און קינדער, וואָס זייערע קרובים האָבן זיי געפאָדערט קיין אַמעריקע. עס האָט זיך אויך געשאַפן אַ פאַרבינדונג מיטן „האַיאַס”. און ווען די עמיגראַנטן זיינען קיין פוילן אַריבער, האָט זיך אָנגעפאַנגען באַלד אַ סדרה פון דעפּעשירן קיין אַמעריקע און פאַרהאַנדלונגען מיט שיפס־קאָמפּאַניעס, וועלכע זיינען אין יענער צייט גליקלעך געוואָרן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן ספּעקולאַטיוו און די רעגירונג האָט גאָרניט געקענט טאָן דערצו, ווייל דער געלאַף איז געווען בלויז פון אידן. מען האָט דאָס געמאַכט אַזוי קונציק, אַז טאָמער האָט מען אַרעסטירט אַן אַגענט, זיינען אויפגעקומען צען נייע אַגענטן אויף זיין אָרט. די אַמעריקאַנער דאָלאַרן זיינען דאַן געווען זייער טייער און עס האָבן זיך

נאָך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אויסבאַהאַלטענע יע־קאַטערינעס פינף־הונדערטער אַסיגנאַציעס, גאָלד, זילבער, אַלץ איז געווען אַ סחורה פאַרן ספּעקולאַנט. די רעגירונג האָט דאַן איינ־געפירט די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק און אַלע האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן זייער בריהשקייט ווי אַזוי צו ספּעקולירן. די קלענערע שטעט זיינען דאַן געווען אין זייער אַ טרויעריקן צושטאַנד. די אידן האָבן ניט געהאַט קיין מלאכה אין דער האַנט, איז דער איינ־ציקער מיטל אויף צו דערהאַלטן די נשמה געווען די ספּעקו־לאַציע. די איבערגאַנגס־צייט איז געווען אַזוי ביטער ווי די נאָכ־ווייענישן פון אַ קינד־האָבן. איך בין נאָך אַקטיוו אין מיין אָפּ־טיילונג „די מאַמע מיטן קינד" און מיין געזונט איז ניט געווען אַזוי גוט, פּשוט פון צופיל אָנשטרענגונג. מיין שוועסטער רחל לייגט מיר פאַר אויסצושטיין אַלע הוצאות — זי האָט געהאַט אויס־געבאַהאַלטענע געלט — און זי וויל מיטפאָרן מיט מיר קיין אַמעריקע.

מיינע קינדער ווערן אויך אומרואיק. זיי ווילן פאָרן צו זייער פאָטער קיין אַמעריקע. איך קען זיי אָבער דערווייל אַזאַ פאַרגע־ניגן ניט אָנטאָן, ווייל צום פאָרן קיין אַמעריקע דאַרף מען האָבן געלט. קינדער בלייבן אָבער קינדער; זיי דרינגען דערפון, אַז איך וויל פּשוט ניט פאָרן! כאָטש דעם אמת געזאָגט, האָב איך טאַקע ניט געוואָלט פאָרן, צוליב צוויי טעמים: ערשטנס האָב איך געהאַלטן, אַז אַ פרוי, ווען איר מאַן איז פון איר אַוועק צען יאָר צייט, דאַרף ניט וועלן פאָרן צו אים, ווייל זי איז אים שוין אַ פרעמדע, אויך זיינען אים די קינדער פרעמד; צווייטנס איז מיר שווער צו מאַכן דעם שריט, ווייל איך פיל אַז מיין אָרט איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד; דאָ איז מיין היים און דאָ איז אויך פאַ־ראַן אַ בעסערע צוקונפט פאַר מיינע קינדער, איז צוליב וואָס זיך איבערפלאַנצן אין אַ פרעמד לאַנד?

מיינע קינדער האָבן מיך שוין אָבער ניט געלאָזט לעבן רואיק. מיין הנהלע ווײנט מיט ביטערע טרערן; זאָ, מאַמע, דערמאָנט זי מיר אַלעמאָל, אַלע פאָרן קיין אַמעריקע, אַלע קינדער וואָס האָבן

זייערע טאַטעס אין אַמעריקע, פאַרוואָס פאָרסטו ניט מיט אונדז? מיין איציקל טענהט: אַרעלע האָט אַ טאַטן, וויל איך אויך האָבן אַ טאַטן! און מיין ביילקעלע רייסט שטיקער פון מיר, זי האַלט אין איין שרייען: טאַטע, טאַטע, נעם מיך צום טאַטן! מיין מאַ־טעלע איז אַ שוויגער, ער שוויגט, אָבער זיין שוויגן איז אויך גערעדט.

טיף אין האַרצן איז באַ מיר אויך געווען דער פאַרלאַנג צו זען דעם פאָטער פון מיינע קינדער, וועלכן איך האָב אַזוי וויב־ציק געקענט. עס האָט אויך געוואונקען צו מיר „אַ לאַנד פון חלה און האָניק״, וואָס מיט דעם לידל האָט מען פאַרוויגט קינדער אין די וויגן, אַ לאַנד וואו עס וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן, מ׳דאַרף בלויז קומען און דאָס אויפקלייבן. יאָ, אַמעריקע האָט מיך געלאָקט, און איך זאָג מיינע קינדער, אַז מיר וועלן שוין פאָרן און מיר הייבן זיך אָן גרייטן אין וועג אַריין, אַ דאַנק מיין שוועס־טערס הילף.

איך דערצייל מיינע חברים וועגן מיינע פלענער אָפּצופאָרן אינגיכן קיין אַמעריקע און זיי גיבן מיר צו נאָך מער חשק. ספּעציעל רעד איך מיט מיין גוטן חבר באָריס קאַגאַן, איינער פון די זיילן פון דער אידישער סעקציע, אַ מענטש וואָס איז גע־ווען אַקטיוו אין אַלע אידישע ענינים, ספּעציעל אין דער אַמאַ־טאָרן־גרופּע פון אידישן טעאַטער. באָריס קאַגאַן זאָגט מיר, אַז עס וועט גאָרניט שאַדן, אַז איך זאָל זיך אַביסל אָפּרוען פון מיין אַרבעט. נעמט די קינדער און מאַכט די רייזע קיין אַמעריקע.

אין יענעם יאָר זיינען פון אַמעריקע געקומען דעלעגאַטן, וואָס האָבן געבראַכט גרוסן פון באָענטע און אויך האָבן זיי פאַר־בומען זייערע פאַמיליעס מיט זיך. זיי ברענגען מיר אַ גוטן גרוס.

פון מיין מאַן האָט אָנגעהויבן קומען גוטע און דערמוטיקנ־דיקע בריוו, פול מיט דערוואַרטונג אויף דער ידיעה, אַז מיר זיינען שוין אויפן וועג.

אודאי איז מיר געווען שווער צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד וואָס

איז מיט אַזויפיל מי און בלוט געקומען צום לעבן. מיין שכל האָט מיר אָבער אונטערגעזאָגט, אַז דאָ וועט שוין סיי ווי אַלץ בליען, אפילו ווען איך וועל שוין דאָ ניט זיין.

מיינע חברים האָבן איינגעאָרדנט זייער אַ שיינעם אָפּשייד־אָוונט פאַר מיר. איך געזעגן זיך מיט אַלעמען און אויפן האַרצן איז מיר זייער אומעטיק . . .

מיין שוועסטער רחל גרייט זיך אין וועג אַריין ווי צו אַ חתונה — זי ראַטעוועט דאָך אַ נשמה פון גהינום, דאָס מיינט מען מיך; מיין שוועסטער איז אַ טיפּ פון די אַמאָליקע פרומע פרויען, וואָס האַלטן, אַז ווען גאָט שטראָפט אַ מענטשן, האָט ער אים ליב. און אַזוי ווי זי איז דאָך אַ געשטראָפטע, איז גאָט ממש פאַרליבט אין איר און זי נוצט עס אויס אויף אַלע געביטן און האַלט מיך אין איין מוסרן.

אַליין געבעך האָט מיין רחל געפּאַקט די זאַכן און געמאַכט אַלע צוגרייטונגען פאַר דער רייזע, מיר האָבן זיך אפילו ניט גע־הויבן די הענט עפּעס טאָן. זי האָט באַשטעלט אַ פיינעם וואָגן מיט פערד, אין יענער צייט האָט מען אפילו גענוצט אָקסן פאַר פערד, מיין רחל האָט אָבער געוואָלט ניט אַנדערש ווי אמתע פערד. דער גוי איז פון דער ליטיווקע, אַן ערלעכער מענטש, אַזוי זאָגט מיין שוועסטער רחל, זי קען אים. זי קאָכט פאַר אונדז אַלעמען, שוין דעם פורמאַן אַריינגערעכנט, גאַר אַ פיינע וועטשערע. מיר זיצן בײַ מיין שוועסטערס טיש צום לעצטן מאָל. זי איז אַ גרויסע בריה, די שוועסטער מיינע, דאָס עסן אירס שמעקט. אַלע עסן מיט גרויס אַפּעטיט, אָבער מיר קריכט קיין עסן ניט אין האַלדז אַריין, מיין האַרץ איז מיר אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן.

דער פורמאַן הייבט אונדז שוין אָן איילן. ער וויל אַז מיר זאָלן אַרויספאָרן איידער די נאַכט פאַלט צו. עס קומען נאָך אַריין שכנים, פריינט, מיינע אַ פּאָר גוטע חברים און חברטעס. זיי העלפן אונדז אַרויסטראָגן די זאַכן פון שטוב. זיי זעצן אַריין די קינדער אין וואָגן, וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט שטרוי און פּעקלעך.

איך מיט מײַנע קינדער, מײַן רחל מיט איר אײנציקן מײדעלע, זיצן שױן אין װאָגן. מיר געזעגענען זיך מיט אַלעמען צום לעצטן מאָל. איך קוק זיך נאָכאַמאָל אַרום אױף מײַן געבױרנ־שטאָט, װאָס האָט מיר געגעבן אַזױפֿיל צרות און פֿרײד אין די לעצטע יאָרן. מײַן משפּחהלע אָרדנט זיך אײַן אין װאָגן, זײערע פּנימלעך שטראַלן אױף פֿון פֿרײד. זײ פֿאָרן קײן אַמעריקע, צו זײער פֿאָטער, װאָס זײער בענקשאַפֿט נאָך אים איז אַזױ גרױס. דער װאָגן שלעפּט זיך לאַנגזאַם איבערן שטאָט. מײַנע פֿרײנט גײען נאָך אַ שטיק װעג, ביסלעכװײַז שטײען זײ אָפּ, װאַרפֿן צו די לעצטע קושן און בעטן, אַז מ׳זאָל זײ שרײַבן בריװ. מײַנע אױגן װערן פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן. איך דערזע דעם באַקאַנטן װעג װאָס פֿירט צום סאָסנאָװן װאַלד, דאָרטן װאו מײַן יוגנט האָט אױפֿ־געבליט. איך קוק זיך אײַן אין דער װײַטקײט און פֿיל, אַז ניט אַזױ גיך װעל איך שױן זען מײַן געבױרנשטאָט, און עס פֿאַר־קלעמט מיך בײַ מײַן האַרץ.

דער פֿורמאַן הײבט אָן שנעלער צו טרײַבן די פֿערד. מײַן שװעסטער מיט די קינדער זיצן אַלע צוזאַמען, מיר װײַזט זיך אױס, אַז זי איז גאָר די מאַמע פֿון די קינדער, װײַל איר פּנים שטראַלט מיט פֿרײד. איך בין אַזױ טרױעריק, מיר װילט זיך אױסשרײַען, רחל, שװעסטער מײַנע, נעם דו די קינדער און ברענג זײ צו מײַן מאַן! דערצײל אים דעם אמת, אַז איך װיל קײן אַמעריקע ניט פֿאָרן! באַלד אָבער האָט דערװאַכט אין מיר דער מאַמעשער ציטער: ניט געטרױ דאָס קינד אין פֿרעמדע הענט! דאָס זײַנען דאָך מײַנע קינדער און איך דאַרף זײ ברענ־גען צו זײער פֿאָטער, װאָס זײ האָבן זיך אים אױסגעמאָלן — איך אַלײן האָב זיך אים אױך אױסגעמאָלן . . . אָט זײַנען מיר שױן אַרײַנגעפֿאָרן אין דעם געדיכטן װאַלד, פֿון בײדע זײַטן ציען זיך הױכע בײמער. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. די קינדער זײַנען שױן אײַנגעשלאָפֿן. מײַן שװעסטער רחל, װאָס צו איר צער איז גאָר קײן גרענעץ געװען, שאָקלט זיך און דרימלט אײַן. דער פֿורמאַן פֿײַפֿט זיך אונטער אַ לידל. די פֿערד לױפֿן, דער װאַלד רױשט אין דער שטילקײט פֿון דער נאַכט. איך אַלײן זיץ און טראַכט:

ווי צו מײַנע ניין און צוואנציק יאָר בין איך אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל פון דער ערד, וואָס האָט מיר געגעבן דעם זאַפט צו לעבן און ברענגען פּיר לעבנס אויף דער וועלט. אַ שטימע אין מיר רעדט: פאַרוואָס פאַרסטו אַוועק? אַצינד, ווען אַלץ הייבט אָן צו בליען, אַ נייע וועלט ווערט דאָ געבויט און דו האָסט אויך צו דעם געהאָלפן! יאָ, מיין האַרץ צאַפּלט און וויינט, איך האָב אָבער ניט קיין כח צו ענטפערן. איך קוק זיך איין אין מיין שוועסטער. איר מידער קאָפּ איז איר אַראָפּגעפאַלן אויפן האַרצן. זי דרעמלט, מיין שוועסטער. זי האָט אירס אויסגעפירט און אַצינד לייזט זי זיך אויף. איך וויל איר ניט וועקן!

איך און דער פורמאַן זיינען וואַכעדיק. איך הער דאָס רוישן פון די ביימער. עס איז אַ חשונדיקע נאַכט, אָבער אָן אויסגע־שטערנטע, איך הייב אויף מיינע אויגן צום הימל און זע מילי־אָנען פינקלענדיקע שטערן. די לבנה קוקט אַרונטער אויף מיין שלאָפנדיקער משפחה. דער וואַלד שמעקט נאָך מיטן זומער. די אָפּגעפאַלענע בלעטער שאָרשקען אונטער די רעדער, די שטיל־קייט פון דער נאַכט צעגייט זיך אין אַלע אברים; ווי וואונדער־לעך שיין איז גאָטס וועלט?!

איך טראָג זיך יעצט אַוועק צום אָנהייב פון מיינע קינדער־יאָרן. איך דערזע זיך אַלס קינד. די מאַמע פירט מיך צום ערשטן שניידער, און דערנאָך אַ לאַנגע קייט פון מאַטערנישן און דאָך צייל איך זיך צווישן די גליקלעכע, ווייל איך האָב אַ געזונטן גלויבן אין דער צוקונפט און האָב ליב דאָס לעבן.